**ר׳ שׂימחה פלאַכטע**

אָדער

דער וועלט־שווינדלער

יעדער מענטש וואָס ווירד די מעשׂה לעזן, ווירד האָבן

גרויס פֿערגעניגן. יונג און אַלט, אָרעם און רײַך, וועלן

זיך פֿריין אַלע צו גלײַך. די מעשׂה ווירד דעם לעזער

מאַכן וואַכן, יעדער וואָס ווירד לעזן, ווירד מוזן לאַכן.

פֿון ר׳ יעקב מאָרגענשטערן

הנקרא יעקל לערער אויס לאָדז.

אין לאַנד עוץ  וואַר אַ קליין שטעטל נאַרקאָוו. דאָס וואַר אַ ייִדיש שטעטל און אויך זייער איין פֿרום שטעטל. דאָרט האָט געוווינט איין רבֿ. דאָס רעבעלע וואַר איין אַלטער מאַן און ער איז אויך געווען אַ רעבעלע אויף דעם שטייגער ווי אַ גוטער ייִד. ער איז אויך געגאַנגען אין איין ווײַסע יופּעצע, און פֿרײַטאָג צו נאַכט האָט ער געדאַווענט אין טלית און האָט אָפֿט געזאָגט סגולות און האָט אויך אָפֿט גענומען אַ פּדיון. און ער וואַר באמת אַ גרויסער, ערלעכער ייִד, און אויך נעבעך אַ גרויסער אביון.

אין דעם שטעטל האָט זיך געפֿונען איין יתומה, איין מיידל וואָס האָט נעבעך ניט געהאַט קיין טאַטע און קיין מאַמע. זאָ האָט די רביצין פֿאַר רחמנות גענומען די יתומה און האָט זי אויפגעצויגן. זי וואַר שוין אַלט עטלעכע צוואַנציק יאָר. זי וואַר איין יפֿת־תּואר: איין נאָז ווי אַ פֿאַס און אַ פּנים ווי אַ טויער, אַ פּאָר גרויסע אויגן ווי איין אונגעריש קאַלב, אַ פּאָר גראָבע ליפּן ווי די גאָמבע פֿון אַ רוסישן אָקס, און פֿינגער ווי די פֿיס פֿון אַ העלפֿאַנד, און קלוג ווי אַן אַלטער אייזל, נאָר אָן עין הרע האָט זי געקענט עסן ווי אַ פֿערד. און צו דעם אלעם איז זי געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס, דען ווער האָט איר נעבעך געזאָלט עפּעס קויפֿן אָדער מאַכן?  דען ווען קיינע עלטערן האָט זי נעבעך ניט געהאַט, און דער רב איז נעבעך געווען אַ גרויסער אביון, און קיין בעליבטע האָט זי נעבעך ניט געהאַט, דען ווער עס האָט זי אָנגעקוקט, האָט די גאַל אויסגעבראָכן, דען איר שיינקייט האָט קיין דוגמא, ממילא ווי זי איז אָפּגעמאָלט. קיין שידוך האָט זיך ניט געטראָפֿן: קיין בלינדן האָט מען ניט געקראָגן, און קיין זעענדיקער (4) האָט זי ניט געוואָלט. בקיצור, זי איז שוין איבער דרײַסיק יאָר אַלט.

די רביצין איז געזעסן אין די ווײַבערשול האָט זי געהערט ווי די ווײַבער רעדן פֿון איר ווײַל זי זאָרגט ניט וועגן איין שידוך פֿאַר די יתומה. און איין נגידישע פֿרומע צנועה האָט זיך אַרויסגעשטעלט מיט דעם גרויסן קול און האָט געזאָגט: „ווען בײַ איין אַנדערן מעכט זיך געפֿונען איין בתולה פֿון עטלעכע דרײַסיק װאָר, זאָ מעכט איר מיט אײַער מאַן שרײַען. עס איז אַ גרויסע עבירה. מען טוט זיך פֿאַרזינדיקן, און בײַ אײַך איז דאָס קיין עבירה ניט.״ און די איבעריקע נשים צדקניות האָבן אויך מיטגעברומט.

די רביצין איז אַהיימגעגאַנגען און האָט דאָס דעם רבֿ ערציילט. האָט דער רבֿ געזאָגט: „זיי האָבן גאַנץ רעכט. עס איז באמת איין גרויסע עבירה.״ זאָגט זי, די רביצין: „נו, וואָס זאָל מען טאָן?״ זאָגט דער רבֿ: „איך וועל דיר עפּעס זאָגן, נאָר זאָלסט מיך פֿאָלגן. נעם מײַן זילבערנעם קאָשטער פֿון מײַן שטעקן און מײַן פּאָר זילבערנע בתּים פֿון מײַן תּפֿילין, און מײַן פֿוקסן פּוטער, און דײַן

גאָלדענעם קאָנעק מיטן שוילשטיק, און די צוויי שנירלעך קרעלן, און גיי און באָרג דיר געלט. וועלן מיר זי גאָר צום ערשטן שיין באַקליידן. דען איבעריק שיין איז זי דאָך ניט, און זייער קלוג אויך ניט, און אַ שוואַרצע מאָס נאַקעטע און באָרוועס גייט זי. נו, ווער זאָל זי וועלן נעמען? און אַז זי וועט זײַן זייער שיין באַקליידט, וועט זי דאָך אַנדערש אויסזען. וועט זיך געשווינט טרעפֿן איין שידוך.

די רביצין איז געגאַנגען און האָט פֿארזעצט די משכּנות און האָט געבאָרגט ק״ן זהובים, דאָס איז הונדערט און פֿופֿציק גולדן. האָט דער רב געזאָגט, מען זאָל זי הערלעך בעקליידן. ביז פֿופֿציק גולדן זאָל מען זי בעקליידן. זי זאָל זײַן בעקליידט פֿון קאָפּ ביז פֿוס. און אויך אַ נגידישן נדן וועט זי האָבן, די גאַנצע הונדערט גולדן וועל איך איר געבן נדן דאָס זי זאָל זיך ניט האָבן צו שעמען צווישן אַלע נגידישע מיידלעך פֿון גאַנצן שטעטל, הן מיט מלבושים והן מיט נדן. זאָ האָט זיך שוין אַ שידוך אויך געטראָפֿן.

מען האָט אַזוי געטאָן: מען האָט איר געמאַכט אַ שיין קלייד פֿון באַשטשיג צו דרײַ פֿיים איין אייל, אַ פּאָר העמדער, פֿאַר זעקס פֿיים אַ פּאָר שיך, אַ רויטע פֿאַטשיילע, אַ פֿאַרטוך. בקיצור, מען האָט דעם בערענטרײַבער באַקליידט. האָט זי אויסגעזען ווי (**5**) דער שׂעיר־המשתּלח און האָט געהאַט אַ חן ווי אַ שור־הניסקל.

און ווי זי וואַר שוין זאָ הערלעך באַקליידט, האַט דער רב געזאָגט: נו, געלויבט איז הש״י, זי איז ב״ה זייער נגידיש באַקליידט, און איר נגידישער נדן איז ב״ה גרייט. יעצט לאָזן מיר קלערן פֿאַר איר אַ שידוך. ווען עס וועט אויך ניט זײַן איין חתן פֿון שפּיץ מעסער, וועל איך אויך חתונה מאַכן.״

זאָ האָבן זיך אַנידערגעזעצט דער רב, די רביצין, דער בית-דין משמש**,** דער שולקלאַפּער, דער תּלמוד־תּורה מלמד, דער מקוהניק, ר׳ נחום טרייביטשער, ר׳ טראַטל נאמן פֿון די יאַטקע און נאָך עטלעכע זאָלכע גרויסע חכמים, און האָבן געקלערט און געהאַלטן עצות וועגן אַ שידוך פֿאַר די בהמה. מען האָט אָבער גאָרניט ערקלערט. דען וועמען מען האָט געוואָלט רעדן דעם שידוך מיט דער מלכּה־שבֿאָ, האָט דער שדכן מורא געהאַט אַהינצוגיין דעם אָנשלאָג צו געבן דאָס יענער זאָל אים ניט אַרויסבריען אָדער דעם קאָפּ צוהאַקן פֿאַר זײַן שדכנות.

אין דעם זעלבן שטעטל האָט זיך געפֿונען אַ יונג. ער האָט געהייסן שמעון, נאָר מען האָט אויף אים געשריגן „שׂימחה״. און ווײַל ער איז געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס, נאָר מיט אַ שטיקל פֿלאַכטע צוגעדעקט זײַן לײַב, זאָ האָט מען אויף אים געשריגן „שׂימחה פלאַכטע״.

אים האָט די גאַנצע שטאָט געקענט דען ער וואַר איין וואַסערטרעגער. ער האָט זײַן אייגנס געהאַט אַ פּאָר שאָנגעס מיט אַ פּאָר קאַנען און מיט דעם שטיקל פֿלאַכטע וואָס ער איז געווען אײַנגעהילט. דאָס וואַר זײַן גאַנץ פֿערמעגן. ער וואַר קיין גרויסער חכם און קיין קליינער נאַר. ער האָט קיין שכל געהאַט צו קיין שום זאַך נאָר צו עסן און צו וואַסער טראָגן. ער האָט געטראָגן זעקס קאַנען וואַסער פֿאַר אַ שטיקל ברויט, און גרויס און קליין און יונג און אַלט האָבן אים געקענט.

און זײַן מנהג וואַר אַזוי: אַלע דאָנערשטאָג בײַ נאַכט און אַלע עי״ט האָט ער בײַ די דינסטמוידן געטראָגן וואַסער און זאַמד און האָט געהאָלפֿן אָנרײַבן די לײַכטערס, די גאָפּל־מעסער. פֿאַר דעם האָט ער געקראָגן אַ ווישגראָבעק. ער האָט אַ גאַנץ יאָר געטראָגן וואַסער און געהאַקט האָלץ בײַ איין בעקער. פֿאַר דעם האָט מען אים געלאָזט שלאָפֿן אויף דעם פּיעקעליק, און ווען עס וואַר איין חתונה **(6)** אָדער איין סעודה, זאָ האָט ער געאַרבעט ווי אַ פֿערד, וואַסער געטראָגן, האָלץ געהאַקט. פֿאַר דעם האָט מען אים געגעבן די טעלער אָפּצולעקן. זומער און ווינטער איז ער געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס, נאָר שטענדיק אײַנגעהילט אין זײַן שטיקל פלאַכטע. און אַנדערש האָט מען אים ניכט גערופֿן נאָר „שׂימחה פּלאַכטע״.

און ווי דער רבֿ מיט זײַן סעסיע זענען געזעסן אויף דעם קאָנגרעס און האָבן געקלערט וועגן אַ שידוך פֿאַר די שיינע בהמה, זאָ איז דעם שולקלאַפּער אײַנגעפֿאַלן, דעם שׂימחה פּלאַכטע וועט פונקט פּאַסן צו זײַן איר חתן. מתּחילה האָבן אַלע אָנגעהויבן צו לאַכן. דערנאָך אָבער האָבן זיי זיך מיישבֿ געווען דאָס עס ווירד נאָך זײַן איין גרויסע מצווה, דען ער איז שוין אַלט פֿערציק יאָר און איז נעבעך נאַקעט און באָרוועס. ווער וועט אים נעמען? און זי וועט אויך קיינער ניט וועלן נעמען. אַלסדען האָבן אַלע מסכים געווען אויף דעם שידוך. נאָר דאָך האָבן זיי מורא געהאַט צו גיין צו שׂימחה אָנשלאָגן דעם שידוך דאָס ער זאָל זיי ניט געבן אַ שוואַרצן סוף. זאָ האָט דער רב געזאָגט צו זײַן משמש: „גיי און רוף שׂימחהן אַהער צו מיר, און זאָג נאָר ניט נאָך וואָס. דער משמש איז געגאַנגען און זאָגט צו שׂימחהן: „דער רב האָט געהייסן דו זאָלסט קומען.״

ווי דער משמש איז געגאַנגען צו שׂימחהן, האָט דער רבֿ דערווײַל געהייסן דאָס די רביצין זאָל בעקליידן די כּלה מיט די נײַע, הערלעכע מלבושים וואָס מען האָט איר געמאַכט. אַז שׂימחה וועט קומען זאָל זי שוין זײַן בעקליידט פֿון קאָפּ ביז פֿוס. מען האָט אַזוי געטאָן.

שׂימחה פּלאַכטע איז געקומען אײַנגעהילט אין זײַן פּלאַכטע און די שאָנגעס מיט די קאַנען אויף די פּלייצעס. ווי ער איז אַרײַנגעקומען צום רבֿ אין דער פֿאָדערשטוב און האָט געוואָלט אַרײַנגיין צום רבֿ, זאָ זאָגט די רביצין צו אים, ער זאָל איבערלאָזן די שאָנגעס מיט די קאַנען אין די פֿאָדערשטוב, דען עס פּאַסט ניט אַרײַנצוגיין צום רבֿ מיט די קאַנען. זאָ וויל ער ניט און זאָגט: „דאָס איז מײַן גאַנץ פֿערמעגן קען איך דאָס ניט איבערלאָזן.״ און ער נעמט זיך די שאָנגעס מיט די קאַנען אויף די פּלייצעס און גייט אַרײַן צום רבֿ.

דער רב גיבט אים אַ שיינעם ברוך הבא און זאָגט צו אים: „הער נאָר, מײַן ליבער שׂימחה, פֿאַר וואָס טוסט דו ניט קיין שידוך? איז דען דאָס אַ שטייגער אַ מענטש זאָל זיצן פֿרײַליידיק? בײַ אונדז **(7)** ייִדן טאָר מען ניט אַזוי: יעדער ייִד מוז נעמען אַ ווײַב.״

ענטפֿערט שׂימחה מיט זײַן גראָב, פּויעריש קול: „רבי! רבי! איך האָב געמיינט איר זענט קלוג, ווײַל איר האָט אַ מאָנדערע לעפּעק. לסוף זענט איר גאָר אַ בהמה, און איר רעדט ווי אַ שוואַנץ־מלמד, גאָר אָן שכל. הערט נאָר, איר זאָגט אַז איך זאָל אַ שידוך טון. נו, נו, ווער וועט דאָס מיך וועלן נעמען? אפֿילו איינע פֿון מיסט אַראָפּ וועט מיך אויך ניט נעמען.״ און ער דעקט זיך אויף דאָס שטיקל פּלאַכטע און ווײַזט דעם רבֿ דאָס ער איז נאַקעט און זאָגט: „זעט איר, איך בין נאַקעט! איך האָב ניט מער אין מײַן פֿערמעגן ווי דאָס שטיקל פּלאַכטע מיט די קאַנען. איין גראָשן געלט האָב איך ניט, און דאַוועגען קען איך ניט ווי אַם בעסטן, דען ווען מײַנע עלטערן זענען געשטאָרבן, בין איך געוועזן אַ קינד. נו, ווער וועט מיך וועלן נעמען?״

זאָגט דער רבֿ: „זעסט דו, שׂימחה, איך האָב פֿאַר דיר איין גאַנץ שיינע, נגידישע כּלה מיט זייער פֿיל געלט.״ און ער גיבט אַ ווינק צו די רביצין. האָט זי די נגידישע כּלה אַרײַנגעברענגט, אײַנגעהילט אין אַ רויטן פֿאַטשיילע ווי איין אינדיק. און דער רבֿ האָט געוויזן שׂימחהן די שיינע

פֿיגור און האָט געזאָגט: „זעסט דו אַזוי איין שיין מיידל ווי זי איז! דאָס איז איין זעלטנהייט צו געפֿינען. בעטראַכט דיר נאָר זי! זע נאָר איר הערלעכע  בעקליידונג, און זי האָט אויך אַן אוצר געלט איר אייגנס.״ און דער רבֿ מאַכט אויף אַ שופֿלאָד פֿול מיט קופּערגעלט, דאָס וואַרן די הונדערט גולדן נדן, און ווײַזט אים און זאָגט: „זעסט דו, אונדזער שׂרה, וואָס די שטאָט איז זײַן, האָט ניט אַזוי פֿיל געלט.״

ווי שׂימחה האָט דערזען די נגידישע כּלה מיט דעם אוצר געלט, זאָ האָט ער אַ שפּרונג געטאָן צום רבֿ און האָט געשריגן: „רבי! רבי! שוין, שוין, איך וויל זי שוין נעמען פֿאַר אַ ווײַב. איך האָב אײַך ליב.״

זאָגט דער רבֿ: „ניין, מײַן קינד. יעצט קען מען מאַכן איין תּקיעת־כּף. און איך וויל דיך אַ ביסל בעקליידן, און דערנאָך ווירד מען מאַכן תּנאָים צו מזל, און דערנאָך וועסט דו מיט איר חתונה האָבן. ווירד זי זײַן דײַן ווײַב.״ זאָגט שׂימחה: „ניין, רבי, גיבט מיר זי ערשט פֿאַר אַ ווײַב, און איין אַנדערט מאָל ווירד מען תּנאים שרײַבן.״

## די חתונה

בקיצור, דער רבֿ האָט געשיקט נאָך דעם חזן און נאָך איין עולם, און מען האָט **(8)** צונאַנדגעשאַפֿט פֿון שטעטל איין אַלט מלבוש, אַ העמד, אַ פּאָר הויזן, אַ פּאָר שיך מיט זאָקן, איין קאַפּעליוש, אַ גאַרטל, און מען האָט שׂימחהן בעקליידט פֿון קאָפּ ביז פֿוס, און מען האָט צו גרויס מזל תּנאים געשריבן. און דער רבֿ האָט געגעבן שׂימחהן צוויי גולדן ער זאָל די כּלה געבן חתימה־געלט. און איר האָט ער געגעבן צוועלף איילען אַנקע זי זאָל דעם חתן געבן אַ מתּנה אויף אַ שבת־מלבוש. און מען האָט געמאַכט זייער אַ פֿריילעכע תּנאים. און די חתונה האָט מען אָנגעלייגט אויף אַ גאַנץ קליינע צײַט, און פֿון די אַנקע האָט מען געמאַכט דעם חתן אַ חתונה־מלבוש.

אין עטלעכע טעג פֿאַר די חתונה איז די רביצין מיט נאָך עטלעכע פֿרומע ווײַבער געגאַנגען אין די הײַזער און האָבן צונאַנדגענומען עטלעכע העמדער און עטוואָס בעקליידונג פֿאַר דעם חתן און פֿאַר די כּלה, און יעדע ייִדענע האָט געגעבן אַ ביסל פֿעדערן, און מאַנכע האָט געשענקט איין

אַלטע ציך, מאַנכע איין אַלטע איַינשיט, ביז עס איז געוואָרן בעטגעוואַנט פֿאַר דעם חתן מיט די כּלה.

דעם שבת פֿאַר די חתונה האָט דער רבֿ געלאָזט אויסרופֿן, דאָס יעדער איינציקער זאָל קומען אויף די חתונה, און עס איז אויך אַזוי געווען: דאָס גאַנצע שטעטל, גרויס און קליין, אָרעם און רײַך, זענען געקומען. מאַנכע זענען געקומען אויף איין טעאַטער צו לאַכן, מאַנכע זענען באמת געקומען לשם מצווה. בקיצור, עס איז אפֿילו קיין קינד אין דער היים געבליבן, נאָר אַלע זענען געקומען אויף די חתונה.

צום דרשה־געשענק האָבן מענטשן געשענקט אַ קאַרץ קאַרטאָפֿל און מאַנכער אַ פֿערטל אַרבעס, מאַנכער הירז, מאַנכער קאַשע, מאַנכער אַ האַלבן גאַרנעץ פּוטער. איינער פֿון דעם עולם האָט געשענקט אַ האַלב יאָר דירה. בקיצור, עס איז צונאַנדגעקומען עסנוואַרג אויף אַ האַלב יאָר, און דירה האָבן זיי אויך געהאַט אויף אַ האַלב יאָר. און די פֿרומע ווײַבער האָבן צונאַנדגעשלעפּט איין אַלט שענקל, אַ בענקל, אַ שעפֿל, אַ ביסל געפֿעס מילכיקס מיט פֿליישיקס. עס האָט גאָר ניט געפֿעלט. דען אפֿילו די מענטשן וואָס זענען געקומען אויף די חתונה ניט לשם מצווה נאָר אויף געלעכטער, פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך געלאָזט קאָסטן, דען פֿון איין דבֿר מצווה איז זיך דאָך איין ייִד ניט פּורש. בקיצור, עס איז געווען זייער אַ פֿריילעכע חתונה, און מען האָט **(9)** געטון וואָס נאָר מעגלעך וואַר אַז דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק זאָל גוט בעהאַנדלט ווערן.

און דער רבֿ האָט איין בעפֿעל געמאַכט, דאָס קיין מענטש זאָל ניט געניסן פֿון שׂימחהן קיין קאַן וואַסער בחינם און ניט געבן פֿאַר זעקס קאַנען וואַסער אַ שטיקל ברויט, נאָר יעדער בעל־הבית זאָל געבן אַם ווייניקסטן פֿאַר יעדער קאַן איין גראָשן, דען ער האָט דאָך שוין איין ווײַב מפֿרנס צו זײַן. בקיצור, דער רב מיט דעם שטעטל האָבן געטון אַלדעס מעגלעכקייט און פֿערזאָרגט די ביידע יתומים, דאָס זיי זאָלן האָבן פּרנסה.

מאָרגן פֿרי נאָך די חתונה האָט דער רבֿ געמאַכט איין פֿרישטיק פֿאַר דעם יונגען פּאָרפֿאָלק, און מען האָט זיי אַרײַנגעפֿירט אין זייער אייגענע דירה, און די פֿרומע ווײַבער האָבן אַלץ פֿערשאַפֿט

צום ווערטשאַפֿט וואָס מעגלעך וואַר, און אַלע טאָג פֿון די שבעת ימי המשתּה האָט איין אַנדערער בעל הבית געמאַכט איין סעודה.

ווי די שבעת ימי המשתּה האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט, זאָ האָט דער רבֿ געלערנט שׂימחהן ער זאָל דאָס ווײַב גוט בעהאַנדלען, און די רביצין מיט נאָך אַנדערע פֿרומע ווײַבער האָבן זי געלערנט ווי זי זאָל זיך נוהג זײַן הן מיט ייִדישקייט והן מיט איר מאַן, זי זאָל גוט ווערטשאַפֿט פֿירן. און זייער אוצר קופּערגעלט, די הונדערט גולדן נדן, האָבן זיי געהאַט בײַ זיך אײַנגעשלאָסן אין קאַסטן.

ר׳ שׂימחה פלאַכטע מיט זײַן מאַדאַם וואַרן יעצונד גליקלעכער ווי רויטשילד, דען לעבמיטל האָבן זיי געהאַט פֿאָרראַט אויף עטלעכע חדשים און דירה פֿרײַ אויף אַ האַלב יאָר און אַזאַ פֿיל געלט אין באַרן ווי איין באַנקיער. זיי האָבן זיך אָנגעשמיסט: „יעצט וועלן מיר ערשט לעבן מיט חשק.״

אַלזאָ האָט זיך ר׳ שׂימחה גענומען צום תּחלית און האָט געזאָגט צו זײַן מאַדאַם: „מײַן ליב ווײַב, אַלץ געפֿעלט מיר גוט, נאָר איין זאַך געפֿעלט מיר ניט: דו זאָלסט וויסן דאָס די טעפּמיט די שיסלען געפֿעלן מיר ניט. זיי זענען גוט פֿאַר קליינע קינדער, אָבער ניט פֿאַר אונדז. אַלסדען, גיי אין מאַרק און ברענג די אַלע גרעסטע טעפּ מיט שיסלען מיט דיניצעס, ווי עס פֿאַר אונדז זאָל פּאַסן.

די מאַדאַם פלאַכטע האָט זיך ניט געלאָזט צוויי מאָל רעדן און איז געגאַנגען און האָט געברענגט טעפּ פֿון **(10)** צוויי שטאָק הויך, שיסלען ווי די שעפֿער, און דיניצעס ווי די צעבערס, און מען האָט געקאָכט אויף איין מאָל צוויי, דרײַ טעפּ, צוויי שטאָק הויך ,און זיי האָבן זיך ניט איבערגעגעסן. און ווי באַלד מען האָט נאָר דאָס אויפֿגעגעסן, זאָפֿאָרט האָט מען ניט לאַנג געוואַרט, נאָר מען האָט ווײַטער געטראַכט אויף תּחלית דאָס מען זאָל שוין צושטעלן צו קאָכן אַנדערע טעפּ.

מען האָט ניט לאַנג מפֿסיק געווען פֿון איין קאָכן צום אַנדערן, דען ווען מען וואַר דען אַזוי וויל ווי דעם האַר פלאַכטע מיט זײַן מאַדאַם? בקיצור, דאָס ווערטשאַפֿט איז אַזוי געפֿירט געוואָרן עטלעכע וואָכן, ביז די מאַדאַם האָט געזען דאָס עס גייט אַראָפּ פֿון קויש: עס ווירד וואָס אַ מאָל וויניקער. זאָ האָט זי צו אים געזאָגט: „מײַן ליבער מאַן, נעם די שאָנגעס מיט די קאַנען און גיי אין שטעטל טראָגן וואַסער.ווירסט פֿערדינען, ווירד מען דאָס געלט פֿון פֿערדינסט האָבן גרייט, און ווען

אונדזער עסנוואַרג מיט אונדזער געלט וועט זיך האָבן אויסגעלאָזט, וועלן מיר פֿון דעם פֿרישן געלט ווידער קויפֿן צו עסן. ווען אָבער דו וועסט ניט פֿערדינען, און דאָס ביסל וואָס מיר האָבן ווירד זיך אויסלאָזן, זאָ וועלן מיר שפּעטער מוזן הונגער לײַדן.

ר׳ שׂימחה האָט דאָס געהערט האָט ער צו איר געזאָגט: „מײַן ליב ווײַב, האָב איך דען חתונה געהאַט דאָס איך זאָל וואַסער טראָגן? איך האָב שוין גענוג וואַסער געטראָגן פֿון קינדהייט ביז צו די חתונה. מײַנע פּלייצעס קענען שוין די שאָנגעס מיט די קאַנען ניט ערטראָגן. איך האָב געמיינט אַז איך וועל חתונה האָבן וועל איך שוין ניט ברויכן אַזוי שווער צו אַרבעטן. ווען איך מעכט דאָס וויסן, מעכט איך ניט חתונה געהאַט.״

זאָגט זי: „מײַן ליבער מאַן, יעדער מענטש מוז אַרבעטן. ווער עס אַרבעט ניט, דער האָט ניט צו עסן.״

זאָגט ער: „פֿאַר וואָס דער רב וואָס דו ביזט בײַ אים געוועזן, ער אַרבעט דאָך גאָר ניט און האָט דאָך צו עסן.״

זאָגט זי: „ער איז דאָך אַ רב און אַ גוטער ייִד, און דו ביזט קיין רב און קיין גוטער ייִד.״

זאָגט ער: „דו ביזט דאָך בײַ אים געוואָרן אויפֿגעצויגן. ווייסט דו דאָך זײַן מנהג ווי ער איז זיך נוהג. זאָג מיר, וועל איך אויך אַזוי טון. וועלן מיר אויך האָבן פּרנסה, און איך וועל ניט ברויכן וואַסער טראָגן.״

זאָגט זי: „ערשטנס, ער גייט אין אַ ווייסע יובעצע און געגאַרטלט אין אַ לאַנג ווייס האַנטעך און אַ גרויסן ספּאָדעק **(11)** אויף דעם קאָפּ און אַ גרויסן שטעקן מיט אַ ווייסן קאָפּ. איך ווייס ניט וואָס דאָס איז. עס איז געוויס פֿון בלער. און ער זיצט איבער אַ גרויסן, לאַנגען סידור און שאָקלט זיך און שרײַט. און אַז ער דאַוונט, לויפֿט ער אַהין און אַהער און פּאַטשט מיט די הענט און מאַכט געוואַלדן דאָס מען הערט פֿון ווײַטן. אַזוי קומען אַרײַן ייִדן און געבן אים געלט, אַזוי ברויך ער ניט צו אַרבעטן.

ווי ר׳ שׂימחה האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט: „ניט קשה, מײַן ליב ווײַב, דו זאָלסט נאָר מיך פֿאָלגן, וועל איך אויך ניט ברויכן וואַסער צו טראָגן, און מיר וועלן האָבן צו עסן און צו טרינקן נאָך בעסער ווי דער רבֿ. דען די זאַכן וואָס דו רעכנסט מיר אויס קען איך בעסער ווי ער. דען פּאַטשן

מיט די הענט קען איך בעסער ווי ער. לויפֿן אַהין און אַהער קען איך אויך געשווינדער ווי ער, און שרייַען קען איך אַז מען וועט מיך הערן פֿון איין עק שטאָט צום אַנדערן עק. נאָר בלויז דאָס איינציקע וואָס איך קען ניט איז דעם לאנגען סידור. דאָס מאַכט ניט אויס, ווען מען קען נאָר פּאַטשן מיט די הענט און לויפֿן אַהין און אַהער און שאָקלען, איז שוין גאַנץ גענוג. ניט קשה מייַן ווייַב, מיר וועלן לעבן מיט חשק. נאָר פֿאָלג מיך, גיי און לאָז מיר מאַכן אַ ווייסע יובעצע, לאַנג און ברייט, און פֿאַרזאָרג מיר אַלץ וואָס דו ווייסט וואָס דער רבֿ האָט, און עס וועט זייער גוט זייַן.

די קלוגע מאַדאַם האָט געפֿאָלגט און האָט געקויפֿט ווייסע ברייטען קרייעס און האָט געלאָזט מאַכן אַ לאַנגע יובעצע מיט גאַנץ לאַנגע אַרבל, מיט מעשענע האָקנס, און אַ ווייס האַנטעך פֿון פֿינף איילן פֿאַר אַ גאַרטל. און זי האָט געוווּסט, דאָס בייַם רב אויף דעם בוידעם ליגט איין אַלטער ספּאָדעק נאָך פֿון טרחס צייַטן . איז זי געגאַנגען און האָט דעם ספּאָדעק געברענגט און האָט גענומען דעם דראָנג פֿון די פּאַמיעלטע און האָט פֿון אויבן געלאָזט מאַכן ביי איין בלעכאַרס אַ ווייסן, בלעכערנעם קאָפּ. ר׳ שׂימחה האָט זיך אָנגעטאָן די בגדים.

ווי ער האָט זיך די בגדים אָנגעמאָסטן, זאָגט ער צו איר: „נו, ווי מיינסט דו, בין איך שוין אַ פּערטיקער רב?״

זאָגט זי: „יאָ, נאָר אָבער אַ גרויסער, לאַנגער סידור פֿעלט נאָך.״

זאָגט ער: „גיי אַהין צום רב. דאָרט איז דאָך אַ גרויסער שאַנק פֿול מיט סידורים. זאָ ברענג צו שלעפּן אַ לאַנגען סידור, נאָר ער זאָל זייַן גרויס און דיק.״

זי איז געגאַנגען צום רבֿ און האָט **(12)** אַוועקגעגנבֿעט איין גרויסע ש״ס גמרא און האָט געזאָגט: „איך האָב דיר געברענגט אַ גרויסן סידור. יעצט פֿעלט דיר שוין גאָר ניט.

״ זאָגט ער: „גוט, מייַן ווייַב, יעצט קאָך נאָר אָן עטלעכע גרויסע טעפּ, אַזוי ווי פֿאַר איין רבֿ. עס וואַר אָבער שוין באַלד ניט דאָ וואָס צו עסן. עס וואַר נאָך אין גאַנצן אויף עטלעכע טעג. דען דאָס וואַר נאָך שבועות, די גרעסטע טעג, און זיי האָבן זעקס מאָל דורך יעדן טאָג געקאָכט די גרויסע טעפּ. און אַ ברונע שעפּט זיך דאָך אויך אויס. דאָך אָבער האָט זי יעצט געקאָכט עטלעכע גרויסע טעפּ ווייַל איר מאַן איז דאָך שוין געוואָרן אַ רבֿ, וואַר זי דאָך שוין זיכער דאָס עס ווירד איר שוין קיין פּרנסה ניט פֿעלן. זי האָט אָנגעקאָכט, זיי האָבן זיך פֿעסט אָנגעגעסן ווי די לעשניצעס.

יעצט האָט זיך ר׳ שׂימחה אָנגעטאָן די ווייסע סובע מיט דעם וואָלקענבראָך־ספּאָדעק אויף דעם קאָפּ און דעם פּאַמיעלטע־דראָנג אין די האַנט און האָט זיך געזעצט בײַם טיש נעבן פֿענצטער און האָט אויפֿגעמאַכט דעם גרויסן סידור און האָט זיך געשאָקלט ווי אַ גידאָכעס און האָט זי געהייסן אַרויסגיין זען אויב עס קומען שוין מענטשן מיט געלט. זי שטייט דרויסן און ער שאָקלט זיך. יאַק שאָקלען, טאַק שאָקלען, קיין הונט קומט אויך ניט. בקיצור, ער האָט זיך עטלעכע טעג נאָר געשאָקלט. קיינער איז אָבער ניט געקומען, און דאָס נאַכטעסן וואָס זיי האָבן יעצט געגעסן וואַר שוין דאָס לעצטע ביסל גרײַפּלעך. מער איז שוין ניט געווען אין זייער הויז, נאָר אַ קליין ביסל קאַרטאָפֿל אויף מאָרגן אויף איין אָנבייסן.

ווי זיי האָבן אויפגעגעסן דאָס נאַכטעסן, האָט זי געזאָגט: „וואָס וועלן מיר ווײַטער טון? מיר וועלן מאָרגן פֿרי אויפֿעסן דאָס לעצטע ביסל קאַרטאָפֿל, וועלן מיר מוזן הונגער לײַדן, דען מיר וועלן שוין ניט האָבן וואָס צו עסן. דו זעסט דאָך, דו שאָקלסט דיך און שאָקלסט דיך, און עס קומט דאָך קיינער ניט.״

זאָגט ער: „מען ווייס דאָך נאָך ניט פֿון מיר אַז איך בין אַ רב. עס האָט מיך דאָך נאָך קיינער ניט געזען אין רבנישע מלבושים. איך וועל מאָרגן גיין דאַוונען אין בית המדרש, וועט מען מיך זען, וועט מען שוין צו מיר קומען. נאָר געדענק, אַז איך וועל אַוועקגיין דאַוונען זאָלסט דו ניט דערווײַל אויפֿעסן די גאַנצע קאַרטאָפֿל.״

זאָגט זי: „ניין, איך וועל אָפּקאָכן און וועל דיר **(13)** איבערלאָזן. נאָר אַז דו וועסט דיך לאַנג זוימען, וועט מיך הונגערן, וועל איך אין גאַנצן אויפֿעסן. דען עס איז ווייניק דאָ און איך קען ניט קיין נויט ליידן.

מאָרגן פֿרי האָט זיך ר׳ שׂימחה אויפֿגעהויבן און האָט זיך אָנגעטאָן זײַן גרויסן ספּאָדעק מיט די ווייסע, לאַנגע יופּעצע מיט די ברייטע אַרבל ווי אַ זאַק, אַ לאַנג ווייס האַנטעך אַרומגעגאַרטלט און אַ פּאַמיעטלע דראָנג אין זײַן האַנד, דעם טלית ותפילין אונטער דעם אַרעם, און נאָך אַ מאָל אָנגעזאָגט זײַן ווײַב זי זאָל ניט, ח״ו, אויפֿעסן דאָס גאַנצע אָנבײַסן, און איז אַוועקגעגאַנגען.

ווי ער איז געקומען אין מאַרק אַרייַן, איז געוואָרן אַ גרויס געלויף און אַ שרעקלעך געשרייַ. מען האָט געמיינט אַ טייוול גייט. ווי מען האָט ערזען אַז דאָס איז שׂימחה פלאַכטע, זאָ איז געוואָרן אַ גרויס געלעכטער און אַ גרויס געשרייַ. די גאַנצע שטאָט, יונג און אַלט, זענען געקומען צו לויפֿן. ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּיאָגן פֿון זיי. ער איז קוים מיט דעם לעבן ענטקומען און איז געלאָפֿן אין בית־מדרש אַרייַן.

ווי די בחורים מיט די בית־מדרש לייַט האָבן אים דערזען, זאָ קען מען זיך גוט מערקן וואָס דאָרט האָט זיך געטון, ווי גאָר איין אַלטער קאַפּעליוש, איין פּאַנטאָפֿל, איין לאַטש, אַ סמאַטע, האָט ער אַלץ געקראָגן אין זייַן קאָפּ. ער איז קוים מיט דעם לעבן ענטקומען אויס דעם בית־מדרש.

ווי ער איז אַרויסגעקומען, זאָ האָבן שוין אויף אים געוואַרט אַ גאַנצע מחנה לאָבוסעס, יונגע אויך אַלטע. די געוואַלדן מיט געלעכטער וואַר זייער שרעקלעך. ער האָט געוואָלט דאַווענען, נאָר ער האָט זיך ניט געקענט אָפּיאָגן. זאָ איז ער ענטלאָפֿן אונטער די שטאָט. זיי האָבן אים אַ שטיק וועג נאָכגעיאָגט, און ער איז זייער ווייַט ענטלאָפֿן ביז צום וואַלד. עס וואַר פֿינף וויאָרשט אונטער די שטאָט. די נאָכיאָגערס, די לאָבוסעס, זענען צוריקגעגאַנגען, און ער איז געלאָפֿן אַ שטיק אין וואַלד אַרייַן און האָט געלייגט טלית און תּפילין און האָט זיך אייַנגעהילט אין טלית איבער דעם קאָפּ און די ווייַסע יופּעצע האָט אַרויסגעפֿינקלט, און האָט זיך געשטעלט בייַ אַ גרויסן בוים און האָט זיך זייער געשאָקלט און געדאַווענט.

# אין וואַלד אָדער שׂימחהס ערשטער משפּט

דער שׂררה וואָס דאָס שטעטל איז זײַן געווען וואַר אַ גרויסער גראַף און האָט געהאַט זייער פֿיל דערפער און שטעט און וואַר אויך איין גרויסער מיניסטער. ווען עס איז געווען איין (14) קאָנגרעס בײַם מלכות, האָט מען נאָך אים געשיקט. און דער שׂררה האָט געווינט עטלעכע וויאָרשט פֿון דעם וואַלד. ער האָט זייער געליבט צו רײַטן אויף די יאַכט, דאָס הייסט צו רײַטן אין וואַלד און שיסן חיות. און ער האָט געהאַט איין רײַטפֿערד וואָס עס איז געווען בײַ אים געשאַצט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ווי ער איז אין וואַלד געריטן שיסן חיות, האָט ער דאָס פֿערד אָנגעבונדן בײַ איין בוים, און ער איז מיט זײַן ביקס געגאַנגען אין וואַלד שיסן. ווי ער איז שוין צוריקגעגאַנגען און האָט געוואָלט אַהיימרײַטן, זאָ איז דאָס פֿערד שוין ניט דאָ געווען. עס האָט אים זייער געקרענקט, און ער איז געלאָפֿן אין וואַלד אַרײַן זוכן זײַן פֿערד. ער וואַר זייער ערהיצט, דען עס וואַר דעם טאָג זייער אַ גרויסע היץ. ווי ער האָט געזוכט, האָט ער פֿון ווײַטן ערזען איין אײַנגעהילטן מענטש אין איין טלית אין ווײַסן בעקליידט און האָט זיך זייער געשאָקלט, און דער שׂררה וואַר זייער געלערנט, האָט ער געוווּסט פֿון די ביכער, וואָס ער האָט געלעזן אין זײַן ביבל, דאָס פֿאַרצײַטנס האָבן די גרעסטע לײַט געלערנט און געדאַוונט אין די וועלדער. משה רבנו ע״ה האָט געלערנט אין וואַלד, דוד המלך ע״ה, אליהו הנביא און נאָך גרויסע לײַט, נביאים, חכמים, תּנאים, די אַלע האָבן געלערנט און געדאַוונט אין די וועלדער. און ווי דער שׂררה האָט דאָ ערזען איין מענטש אײַנגעהילט אין טלית און תּפילין און אין ווײַסן בעקליידט, האָט ער געוווּסט דאָס מוז זײַן איין זייער גרויסער מאַן, איין פֿערבאָרגענער צדיק אָדער אַ נביא. ער האָט געוואַרט ביז ער האָט זיך אויסגערוקט שמונה־עשׂרה. זאָ האָט זיך דער שׂררה געביקט און גענייגט און האָט געפֿרעגט, ווער ער איז.

האָט שׂימחה געזאָגט: „איך בין דער פּאָדראַבין פֿון נאַרקאָוו.״

זאָגט דער שׂררה: „איך גלויב, אַז דו ביסט פֿון נאַרקאָוו, אָבער ניט איין פּאָדראַבין. דען איך קען דעם רבין פֿון נאַרקאָוו, ער ברויך צו זײַן דײַן משרת.״

בקיצור, דער שׂררה זאָגט: „ליבער פּאָדראַבין, איך וויס גוט, דאָס ווען דו קומסט אין וואַלד אַרײַן דאַווענען, זאָ ביסט דו גאַנץ גרויס, אויבוו״ל דו ביסט איין פּאָדראַבין, אָבער דאָס איז נאָר פֿאַר מענטשן, זיי זאָלן ניט וויסן דעם אמת ווי גרויס דו ביסט. אַלסדען בעט איך דיך, מיר איז הײַנט אין וואַלד פֿאַרלוירן געוואָרן איין פֿערד וואָס איך מעכט ליבער איין דאָרף פֿאַרלירן איידער דאָס פֿערד. אַלזאָ בעט איך דיך, זאָג מיר ווו דאָס פֿערד איז.״

**(15)** שׂימחה איז געשטאַנען אין איין ציטערניש. ער האָט מורא געהאַט, דאָס זיַין וויַב זאָל ניט דערוויַיל אויפֿעסן דעם לעצטן טאָפּ קאַרטאָפֿל. האָט ער זיך זייער געאיַילט אַהיימצולויפֿן האָט ער געוואָלט דעם שׂררה ווי אַם געשווינדסטן פּטור ווערן. זאָ זאָגט ער צום שׂררה: „לויף נאָר גאַנץ געשווינד צו יענעם עק וואַלד. דאָרט שטייט דיַין פֿערד ביַי איין בוים, און צוויי וועלף שטיין אוןווילן עס צו ריַיסן. עס לאָזט זיך אָבער ניט, נאָר עס איז שוין גאַנץ מיד. לויף געשווינד מיט די ביקס: איין וואָלף ווירסט דו שיסן, און איין וואָלף וועט ענטרונען ווערן פֿון דיַין ביקס.״

דער שׂררה איז גאַנץ געשווינד אַהינגעלאָפֿן. ווי דער שׂררה איז נאָר אַוועקגעלאָפֿן, איז שׂימחה אויך גאַנץ געשווינד אַהיימגעלאָפֿן, מער טויט ווי לעבעדיק. ווי ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער זיך אַרונטערבעהאַלטן אונטער דעם בעט און האָט געזאָגט צום וויַיב: „זאָלסט דיך פֿאַר קיינעם ניט וויסן מאַכן, אַז איך בין דאָ בעהאַלטן, דען מען ווירד באַלד קומען פֿון שׂררה, און מען ווירד מיך אומברענגען, דען איך האָב דעם שׂררה גענאַרט. און פֿאַר ציַיטנס איז יעדער שׂררה געווען אין זיַין שטאָט ווי אַ מלכות: וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער געטאָן.

זאָגט דאָס וויַיב צו אים: „דו שוטה, קריך אַפֿיר פֿון בעט און זעץ דיך אַנידער ביַים טיש. דען ערשטנס, עס קען זיַין דאָס קיינער וועט ניט קומען, און אַז ח״ו מען וועט יאָ קומען, וועט מען דיך אונטער דעם בעט אויך געפֿינען. בקיצור, קוים מיט צרות און מיט ליַיד, זי האָט אים אַפֿירגעקראָגן פֿון בעט. ער האָט זיך געזעצט צום טיש. זי האָט אים געגעבן אַ שיסל קאַרטאָפֿל. עס איז אָבער ביטער ווי דער טויט. שׂימחה קען ניט עסן. דאָס האַרץ וואַר אים זייער פֿערביטערט, און זיַין בויך וואַר אים פֿערשלאָסן.

לאָזן מיר ר׳ שׂימחה פלאַכטע בליַיבן זיצן און מיר גייען צום שׂררה.

דער שׂררה איז אַהינגעלאָפֿן אָן יענעם עק וואַלד און האָט געטראָפֿן אַלץ פּונקט ווי שׂימחה האָט געזאָגט. דאָס פֿערד איז געשטאַנען מיט דעם קאָפּ צו איין בוים, און צוויי וועלף זענען געשטאַנען און האָבן עס געוואָלט צוריַיסן, און מיט די הינטערפֿיס האָט זיך דאָס פֿערד געווערט קעגן די וועלף. עס וואַר אָבער **(16)** זאָ מיד דאָס דער שוים איז אים גערונען פֿון פּיסק. ווי דער שׂררה האָט דאָס פֿון וויַיטן געזען, האָט ער גאַנץ געשווינד אויסגעשאָסן זיַין ביקס, האָט ער איין וואָלף טויט געשאָסן און דער אַנדערער וואָלף איז אַנטלאָפֿן.

זאָ האָט זיך דער שׂררה אויפֿגעזעצט אויף זײַן פֿערד און איז ניט אַהיימגעריטן אין זײַן הויף אַרײַן נאָר אין שטעטל אַרײַן, און ער האָט צו זיך זעלבט געזאָגט: „דאָס איז ניט קיין קיין פּאָדראַבין, דאָס איז איין פּאָד פּאַן באָג. און דאָס איז גאָר קיין מענטש, נאָר איין מלאך. ווי וויל איז מיר דאָס איך האָב זאָ איין מענטש ווינען אין מײַן שטאָט, און ווי גליקלעך שעץ איך מיך דאָס איך האָב זוכה געווען אים צו זען און מיט אים צו רעדן, וואָס מיליאָנען מענטשן זענען דאָס ניט זוכה. און ער איז גאַנץ געשווינד געריטן, אין די יאַכטקליידער געקליידט, אין שטאָט אַרײַן און איז גלײַך געריטן צום רבֿ און איז אַרײַנגעגאַנגען צום רבֿ.

דער רבֿ האָט זיך גענייגט, דען ער האָט אים געקענט, בפרט ער האָט ניט איינמאָל בעקומען פֿון שׂררה אַ מתּנה: מענכעס מאָל עטלעכע פֿערטל ווייץ, מענכעס מאָל אַ קלאַפֿטער האָלץ. ווי דער רבֿ האָט די קאָמפּלימענטן געמאַכט פֿאַר דעם שׂררה, זאָגט דער שׂררה צום רבֿ: „איך בעט דיך, מאַך קיין שום קאָמפּלימענטן, נאָר אויגנבליק שיק נאָך דעם פּאָדראַבין, ער זאָל די מינוט קומען. דער משמש איז נעבעך געשווינד געלאָפֿן און האָט געברענגט דעם ריכטיקן פּאָדראַבין. עס וואַר איין אַלטער ייִד אַ למדן. ווי דער שׂררה זעט אים, זאָגט ער: „טאָ ניע טען. דאָס איז ניט דער. גייט און ברענגט מיר דעם ריכטיקן פּאָדראַבין.״ זיי שווערן, אַז דאָס איז דער ריכטיקער פּאָדראַבין, און דער שׂררה איז געקומען אין כעס אַרײַן און האָט געזאָגט: „איך פֿערלאַנג איר זאָלט מיר אַהערפֿירן דעם ריכטיקן פּאָדראַבין. איר ווייסט גוט וועלכן איך מיין. דער רבֿ האָט דעם משמש גאַנץ געשווינד געשיקט נאָך די גרויסע לײַט און נאָך די דאָזאָרעס. זיי זענען געשווינד געקומען און האָבן זיך גענייגט פֿאַר דעם שׂררה. דער שׂררה האָט צו זיי אויך געזאָגט: „איך בעט אײַך אין גוטן, עטץ זאָלט מיר שיקן נאָך דעם ריכטיקן פּאָדראַבין, ווען ניט, זאָ וויל איך זיך אָן ענק נוקם ונוטר זײַן. זיי האָבן געשיקט ווי נאָר איין למדן, איין מלמד, איין חסיד, האָט אַלץ געמוזט קומען. דער שׂררה האָט אָבער אויף יעדן בעזונדער געזאָגט: „טאָ ניע טען. טאָ ניע טען.״ זאָ האָבן **(17)** זיי אים געפֿרעגט: „יאַשניע פּאַניע, ווי זעט ער אויס?״ האָט דער שׂררה געזאָגט: „עטץ זענט ניט ווערט ער זאָל צו ענק קומען. עטץ זענט ניט ווערט צו זײַן זײַנע שטיוולפּוצער. ער איז אַ גרויס לײַט, און עטץ זענט קעגן אים ווי בהמות. ער וויל אפֿילו ניט דאַווענען מיט ענק. ער לערנט און דאַווענט אין די וועלדער, און אַז עטץ ווירד מיר אים ניט ווײַזן, וועל איך ענק פֿערוויסטן אַזוי ווי סדום.״

דער עולם איז געבליבן זייער טרויעריק. מען האָט זיך ניט געוווּסט  קיין עצה צו געבן, און ווי עס האָט זיך נאָר איין למדן געפֿונען אין גאַנצן שטעטל, וואַר **שוין דאָ**, און דער שׂררה האָט אַלץ געזאָגט: „טאָ ניע טען.״ נאָר ווי דער שׂררה האָט געזאָגט, דאָס ער דאַוועגנט אין וואַלד, האָט זיך דער בית־מדרש משמש אָנגערופֿן צום עולם שטילערהייט: „עס קען זײַן ער מיינט שׂימחה פלאַכטע, דען הײַטע האָבן די בחורים אים אַרויסגעיאָגט אויס דעם בית-המדרש. האָט מען ערציילט דאָס ער איז געלאָפֿן אין וואַלד אַרײַן.״ האָט דער רבֿ געזאָגט צו די דאָזאָרעס, מען זאָל מאַכן איין פּרווו און שיקן נאָך אים. האָבן די דאָזאָרעס געזאָגט צום שׂררה: „עס איז נאָך דאָ אין שטאָט איינער. מיר וועלן נאָך אים שיקן. עס קען זײַן ער איז דער זעלבער, וואָס דו מיינסט.״ זאָ איז דער משמש געגאַנגען צו שׂימחן און האָט געזאָגט ער זאָל אַהינגיין צום רבֿ. דער שׂררה פֿון שטעטל איז דאָרט און פֿערלאַנגט אים. האָט שׂימחה בשום אופן ניט געוואָלט גיין. ווי דער משמש איז צוריקגעקומען און האָט געזאָגט: „ער וויל ניט קומען״ זאָ האָבן די דאָזאָרעס געזאָגט צום שׂררה: „מיר האָבן נאָך אים געשיקט, און מיר האָבן אים געלאָזט זאָגן אַז דו ביסט דאָ, און ער וויל ניט קומען.״

זאָגט דער שׂררה: „ווען עס זאָל זײַן דער זעלבער וואָס איך מיין, זאָ האָט ער רעכט דאָס ער וויל ניט קומען, דען איך בין ניט ווערט ער זאָל צו מיר קומען. עטץ ווייסט גאָר ניט, ווער ער איז, איך ווייס יאָ.״

זאָ זאָגט דער שׂררה צום עולם: „פֿירט מיך אַהין.״

זאָ האָבן די נגידים מיט די דאָזאָרעס מיט דעם רבֿ, דעם שׂררה אַהינגעפֿירט צו ר׳ שׂימחה פלאַכטע.

ר׳ שׂימחה איז זיך געזעסן אין זײַן ווײַסע יופּעצע מיט דעם טערקישן ספּאָדעק, מיט דעם פּאָמיעלטע דראָנג, בײַם טיש איבער דעם גרויסן סידור און האָט זיך געוואָרפֿן ווי אַ גידאָכעס, און פֿאַר שרעק איז ער געווען ווײַס אויסגעבלאַסט ווי אַ מת.

דער שׂררה איז פֿאַרויסגעגאַנגען **(18)** און זיי פֿון הינטן. ווי זיי זענען אַהינגעקומען, האָט דער שׂררה אויפגעמאַכט די טיר.

ווי דער שׂררה האָט אים דערזען, זאָ האָט ער זיך באַלד אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל און איז געפֿאַלן כורעים־ומשתּחווים כּקעבֿד לפֿני מלך.

זיי האָבן דאָס געזען, זענען זיי זייער ערשראָקן און פֿערוווּנדערט געבליבן. ווי דער שׂרה האָט געזען זײַן בלאַס פּנים און זײַן פֿינצטער וווינונג און זײַן טרויעריק ווערטשאַפֿט, האָט ער זיך זייער ערצירנט אויף דעם עולם און האָט מיט גרויס צאָרן געזאָגט: „עטץ זענט גנבֿים, מערדערס, שווינדלערס. ענקער געוווינהייט איז שוין פֿון לאַנג, ווער ניט קיין גנבֿ, קיין שווינדלער איז, און ווער איין ערלעכער, וואַרהאַפֿטיקער גאָטסדינער איז, דעם טוט עטץ ערמאָרדן. אונדזער העלפֿער האָט עטץ אויך ערמאָרדעט. ירמיה הנבֿיא האָט עטץ אין קאַלעכגרוב אַרײַנגעוואָרפֿן. זכריה הנבֿיא האָט עטץ אין בית המקדש געהאַרגעט. ישעיה הנבֿיא האָט עטץ דאָס מויל אויפֿגעשניטן, און אים ווילט עטץ אויך אַזוי טאָן. האָב ענק טויזנט שוואַרצע יאָר! עטץ ווינט אין פּאָקאָיעס, און אים לאָזט עטץ ווינען אין אַ חזירשטאַל. איך וועל מיך אָן ענק נוקם זײַן זײַן נקמה!

ווי די מאַדאַם פלאַכטע האָט דאָס געהערט, האָט זי אויך גענפֿנט איר מויל ווי בלעמס אייזל און האָט געזאָגט (קיין ברכה און קיין „מודה־אני״ האָט זי ניט געקענט, נאָר פוליש האָט זי יאָ געקענט) צום שׂרה: „אין זייערע אויגן, ניט גענוג מיר פּײַניקן זיך מיט הונגער, מיט נויט, און זיי האָבן אויף אונדז קיין רחמנות ניט, זאָ איז נאָך מײַן מאַן ניט זיכער מיט זײַן לעבן צו גיין אין די גאַס אַרײַן. זיי וואַרפֿן אים שטיינער. אין בית- המדרש האָבן זיי אים געוואָלט הײַנטיקן טאָג האַרגענען!״ און זי האָט אים געוויזן דאָס ביסעלע קאַלטע קאַרטאָפֿל און האָט געזאָגט: „מער האָבן מיר ניט אין הויז, און דאָס קען ער אויך ניט עסן, ווײַל זיי האָבן אים הײַנט אַזוי זייער געפּײַניקט.

ווי דער שׂרה האָט דאָס געהערט, איז ער ערצירנט געוואָרן ווי איין טיגער און האָט מיט די ציין געקריצט: „איך רײַט יעצונד אַהיים און וועל באַלד צוריקקומען מיט אַ גראָמאַדע פּויערן און וועל איינעם בײַם אַנדערן אין מיטן מאַרק לאָזן געבן הונדערט שטריק,ווער עס האָט נאָר אים אָנגערירט, און איך וועל מיך **(19)** שוין צו ענק נעמען.״ און ער האָט אַרויסגענומען אויס זײַן טאַש אַ גרויסע, זײַדענע סאַקווע מיט בלויזע, גאָלדענע רענדלעך און האָט איר געגעבן, דען אים איז ער ניט דרייסט געווען צו געבן, און האָט צו איר אַזוי געזאָגט: „דאָס געלט זאָלסט דו באַלד אויסגעבן אויף עסנוואַרג. זאָלסט ניט זאָרגן אויף מאָרגן, וואָרן איך וועל מאָרגן, און אפֿשר נאָך הײַנט, דאָ זײַן און וועל דיר שוין אַלץ פֿאַרזאָרגן ־ עס וועט דיר גאָרניט פֿעלן, און זאָלסט מיר אויפצײַכענען אַלע, וואָס האָבן הײַנט דײַן מאַן געפּײַניקט, און איך וועל זיי שינדן זייער הויט.״ און האָט זיך געביקט און געקניט פֿאַר ר׳ שׂימחהן און מיט גרויס אונטערטעניקייט אָפּגעזעגנט און

אַוועקגעגאַנגען און האָט געזאָגט: „עטץ ווירד דאָ ניט לאַנג וווינען. איך וועל אײַך שוין בעזאָרגן הערלעכע פּאָקויעס, ווי עטץ זענט ווערט.״

ווי אַלע זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט דער שׂררה צו זיי געזאָגט: „האָב איך ענק געזאָגט, דאָס עטץ זענט ניט ווערט, דאָס ער זאָל צו אײַך קומען? דען ער איז אַ גײַסט פֿון גאָט, און ווײַל עטץ האָט אים געפּײַניקט, וועל איך ענק אויך פּײַניקן.״ און איז מיט גרויס צאָרן פֿון זיי אַוועקגעריטן. זיי זענען געבליבן זייער פֿאַרשעמט און ערשראָקן, דען זיי האָבן פֿאַר דעם שׂררה מורא געהאַט ווי פֿאַר דעם מלאך המוות, און זיי האָבן גאָר ניט געוווּסט, וואָס דאָ טוט זיך מיט ר׳ שׂימחה פּלאַכטע.

אַלערווײַל האָבן זיי מיט דעם רב איין עצה געהאַלטן מען זאָל אַהינגיין צו שׂימחהן מיט זײַן ווײַב, מען זאָל זייער בעטן דאָס זיי זאָלן בעטן דעם שׂררה ער זאָל זיי לאָזן גיין, דען דער שׂררה קען אַלע אויסהאַרגענען מיט די קינדער.

ווי זיי זענען אַהינגעקומען צו שׂימחהן, איז אָבער אוממעגלעך געווען צו רעדן מיט זיי, דען די מאַדאַם פּלאַכטע וואַר פֿעריאַכמעט בײַם קוימען. זי האָט שוין צוגעשטעלט צוועלף דרײַשטאָקיקע טעפּ מיט פֿלייש, קישקעס, קאַרטאָפֿל, גרויפּן. עס איז געווען אַ געקוואַקער אויף דעם קוימען ווי אין אַ ברענהויז צווישן די קעסלען, און שׂימחה איז געווען אַ ספֿר־הזיכרונות: ער האָט דערמאָנט וואָס נאָך מען ברויך צו קויפֿן צו די פֿרעסמאַשין. ער האָט געקוקט אויף דעם קוימען, איז אים זײַן האַרץ ערקוויקט געוואָרן. קוים זיי האָבן זוכה געווען מיט אים צו רעדן. ווי זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל דעם שׂררה בעטן פֿאַר זייערט וועגן, האָט זיך **(20)** בלעמס אייזל אָנגערופֿן: „יאָ, יאָ, עטץ זאָלט אים ווײַטער ניט לאָזן גיין דורך די גאַס, און עטץ זאָלט אים ווײַטער פּײַניקן, ער זאָל מוזן לויפֿן אין די וועלדער.״ זיי האָבן צוגעשווירן, אַז עס וועט אים שוין קיינער קיין בייז וואָרט ניט רעדן, און זיי וועלן אָן אים נוהג־כּבֿוד זײַן. זאָ האָט שׂימחה צוגעזאָגט דאָס ער וועט שוין דעם שׂררה בעטן פֿאַר זייערט וועגן. זאָ האָבן זיי זיך געזעגענט מיט גרויס כּבֿוד און אַוועקגעגאַנגען, און דער רבֿ מיט די גרויסע לײַט האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און האָבן ניט געוווּסט צי זיי זענען אין חלום צי זיי זענען וואַכנדיק, דען זיי האָבן דאָך דעם שׂימחהן מיט זײַן ווײַב גוט געקענט, און דעם שׂררה האָבן זיי אויך געקענט דאָס ער איז אַ גרויסער חכם און זייער גוט

געלערנט און אַ גראַף. זאָ האָבן זיי גאָרניט געקענט פֿערשטיין וואָס דאָ טוט זיך, דאָך האָבן זיי געהאַט מורא פֿאַר שׂימחהן ער זאָל ניט הייסן זיי עפּעס שלעכטס טאָן.

ווי דער שׂררה איז אַהיימגעקומען, וואַר ער זייער פֿריילעך. דאָס גאַנצע פּנים האָט אים געלויכטן פֿאַר פֿרייד, און דאָס ווייַב, די גרעפֿין, מיט די קינדער, האָבן אים געפֿרעגט מיט גרויס כּבוד, ווו ער איז אַזוי לאַנג געוועזן. ער האָט געמוזט געוויס זייער אַ גוטע יאַכט האָבן. דאָס הייסט, ער האָט געמוזט זייער פּיל חיות שיסן דאָס ער איז אַזוי פֿריילעך. זאָ האָט ער געזאָגט: „ליב ווייַב און ליבע קינדער, איך האָב הייַטע געהאַט גליק אויף די יאַכט. דאָס איז בייַ מיר טייַערער ווי מייַן גאַנץ פֿערמעגן און ווי מייַן גאַנצער רייַכטום. איך שעץ מיך גליקלעכער ווי די גאַנצע וועלט, און דו מעגסט דיך אויך שעצן גליקלעך, מיט די קינדער, דורך דעם הייַנטיקן גליקלעכן טאָג וואָס איך האָב הייַנט געוווּנען אויף די יאַכט. איך האָב הייַנט געפֿונען איין אוצר וואָס מיר וועלן גליקלעך זייַן אויף אייביק. איך האָב געפֿונען אין וואַלד איין מאַן וואָס ער איז איין פּאָד פּאַן באָג. ער ווייס איטלעכע זאַך פּונקט ווי דער ליבער גאָט זעלבסט. ער איז דער גרעסטער למדן און דער גרעסטער חכם פֿון אַלע ייִדן. און ער ווייס וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד און אויף דעם הימל.״ און ער האָט איר ערציילט די גאַנצע מעשׂה פֿון פֿערד מיט די וועלף.

ווי זיי האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי געזאָגט: „פֿאר וואָס האָסט דו אים ניט געפֿרעגט ווי ער איז צו געפֿינען? פֿילייַכט (**21**) ווירסט דו אים אַ מאָל ברויכן! זאָ האָט ער געזאָגט: „איך האָב פֿלייסיק באַלעמוטשעט אַ גאַנצן טאָג ביז איך האָב מיך ערוווּסט ווו ער וווינט, און איך האָב מיט אים גערעדט און מיט זייַן ווייַב, און עס איז מיר זייער שווער אָנגעקומען איידער איך האָב געוואָר געוואָרן ווי אים צו געפֿינען. די ייִדן האָבן מיר קיינער ניט געוואָלט ווייַזן ווו ער איז. עס קען זייַן זיי ווייסן זעלבסט ניט פֿון אים, ווער ער איז. און מאָרגן וועל איך מיט דיר אַרייַנפֿאָרן צו אים, דו זאָלסט אים אויך קענען.

ווי די גרעפין מיט די קינדער האָבן דאָס געהערט, זאָ זענען זיי געוואָרן זייער פֿריילעך און האָבן שוין געבעטן עס זאָל שוין טאָג ווערן זיי זאָלן שוין קענען פֿאָרן זען דעם פּאָד פּאַן באָג מיט זייַן ווייַב. בקיצור, זיי האָבן שוין קוים דערלעבט עס איז שוין טאָג געוואָרן. צייַטלעך פֿרי האָט מען געמאַכט דאָס פֿרישטיק, און מען האָט לאָזן שפּאַנען פֿיר פֿערד אין אַ הערלעכע קאָטש מיט אַלערהאַנט צירונג אויסשאַמרירט. אין איין קאָטש איז געזעסן דער גראַף מיט די גרעפֿין און די

אויסגעגעבענע קינדער באַזונדער אין איין קאָטש, און די פֿרײַליידיקע קינדער אויך באַזונדער אין איין קאָטש, און עטלעכע גרויסע וועגן מיט תּבֿואה, מיט עופֿות, מיט קעלבער און נאָך פֿיל פֿאַרשידנע זאַכן, אַלערלייַ פֿרוכטן, און זייער פֿיל פּויערן, און מען איז געפֿאָרן מיט גרויס הערלעכקייט גלייַך פֿאַר די טיר פֿון ר׳ שׂימחה פּלאַכטע.

די גאַנצע שטאָט האָט ערזען די קאָטשן, דען זיי האָבן ערקענט דאָס דאָ פֿאָרט דער גראַף. האָבן אַלע געקוקט ווו אַהין ער פֿאָרט. האָבן זיי געזען ער פֿאַרפֿאָרט פֿאַר שׂימחה פּלאַכטע. די קאָטשן האָבן זיך געשטעלט פֿאַר די טיר און דער שׂררה מיט די קינדער זענען צוערשט אַרייַנגעגאַנגען, די היטלער אין די הענט מיט גרויס כבוד, און יעדער האָט זיך גענייגט און געגעבן דעם הייליקן פּאָדראַבין אַ קוש אין די האַנט. דערנאָך האַט דער שׂררה געבעטן ערלויבעניש און האָט אַרייַנגעפֿירט דאָס ווייַב מיט די טעכטער. יעדע באַזונדער האָט געגעבן דער מאַדאַם פּלאַכטע אַ קוש אין די האַנט, און דער שׂררה האָט געזאָגט צו ר׳ שׂימחהן ער זאָל זיך אויסקלויבן וועלכע קאַמעניצע פֿון דער שטאָט ער ווינשט זיך אויס. זאָ איז געווען אין מיטן מאַרק אַ דרייַשטאָקעדיקע קאַמעניצע. דאָס וואַר די שענסטע פֿון דער גאַנצער שטאָט, זאָ (**22**) האָט ר׳ שׂימחה זיך אויסגעוווּנטשן די קאַמעניצע. זאָ איז דער שׂררה באַלד געגאַנגען און האָט געקויפֿט דאָס הויז און באַלד פֿערשריבן בײַם רייענט דאָס עס איז ר׳ שׂימחהס הויז אויף אייביק. און מען האָט באַלד געקויפט זייער הערלעך מעבל, און מען האָט אויסגעמעבלט זעקס פּאָקאָיעס מיט איין הערלעכע קיך, און מען האָט אַרייַנגעפֿירט ר׳ שׂימחהן מיט זייַן ווייַב.

## שׂימחהס נײַע הײם

יעצט ווינט שוין ר׳ שׂימחה פּלאַכטע אין זייַן אייגענע קאַמעניצע מיט זעקס אויסגעמעבלטע פּאָקויעס.

דער שׂררה האָט געשיקט נאָך זייַן הויפֿשנייַדער און האָט בעשטעלט מען זאָל ר׳ שׂימחהן בעקליידן פֿון קאָפּ ביז פֿוס זייער הערלעך, דאָס בעסטע זייַדנצייַג צו פֿינף און צו זעקס מלבושים, און איין זייַדענעם שלאָפֿראָק און איין עכט זייַדענע ווייַסע אַטלאַס־יופּעצע, און איין ווייַס־זייַדענעם גאַרטל און עטלעכע טייַערע פעלצן. און די שׂררהסטע האָט זיך גענומען די מאַדאַם פּלאַכטע בייַ די האַנט און האָט זי געפֿירט צו איר הויף־דאַמען־שנייַדער און איז מיט איר געגאַנגען אין אַ געוועלב און מען האָט גענומען אויך אַלערהאַנט קליידער און אויך גרעט און אויך בעטגעוואַנט,

אַלץ זייער הערלעך. און בײַם גאָלדשמיד האָט מען געקויפֿט אַלערלײַ צירונג, און די מאַדאַם שׂימחה וואַר אויסגעצירט ווי איינע פֿירשטין, און מען האָט געגעבן די מאַדאַם שׂימחהן איין בײַטל מיט עטלעכע הונדערט רענדלעך. און דער שׂרה מיט זײַן ווײַב האָבן צו ר׳ שׂימחהן מיט זײַן ווײַב אַזוי געזאָגט: „דאָס געלט זאָלט עטץ ענק ניט שפּאָרן, עטץ זאָלט קויפֿן וואָס ענקער האַרץ וועט בעגערן. עס וועט ענק קיין געלט ניט פֿעלן, איך וועל אײַך אַלע וואָך שיקן.״ און מען האָט איבערגעלאָזט צוויי פּויערן צו בעדינען און צו בעהיטן דעם הויף. די צוויי פּויערן האָט מען געגעבן אַ קליין שטיבל אין דער הייך צו וווינען, תּבֿואה מיט קעלבער מיט עופות, און דער שׂרה האָט איבערגעלאָזט ר׳ שׂימחהן זײַן גאָלדענעם טאַשן־זייגער. און זײַן ווײַב, די גרעפֿין, האָט איבערגעלאָזט זייער פֿיל מתּנות די מאַדאַם שׂימחהן. און זיי האָבן זיך מיט גרויס דרך־ארץ געזעגענט און אָנגעזאָגט די צוויי פּויערן זיי זאָלן זייער טרײַ זײַן און זענען אַהיימגעפֿאָרן.

ווי דער שׂרה איז אַהיימגעקומען, האָט ער פֿאַר גרויס פֿרייד געמאַכט אַ גרויסן באַל און האָט צונאַנדגערופֿן אַלע משרתים און אַלע פּויערן **(23)** און האָט זיי ערציילט פֿון דעם פּאָד פּאַן באָג. אַלע האָבן זיך זייער געוווּנדערט און זייער געפֿרייט.

אונדזער ר׳ שׂימחה מיט זײַן ווײַב האָבן זיך אויף ס׳נײַ גענומען צו די כּלים. די אַלטע כּלים האָט מען אַוועקגעשטעלט, דען זיי וואַרן שוין צו קליין. מען האָט געקויפֿט טעפּ ווי די קאַנען און שיסלען ווי די צעבערס, און מען האָט גאַנצע טעג ניט מער געטאָן נאָר אָנגעהיטן די אַכילה. אַ גאַנצע גראָמאַדע פּויערן זענען דאָס ניט אין שטאַנד אויפֿצופֿרעסן, וואָס זיי האָבן אַלע טאָג אויפֿגעפֿרעסן. און פֿון שׂררהס הויף האָט מען אַלע וואָך געשיקט מעל מיט שפּײַז מיט קעלבער מיט עופֿות מיט האָלץ, און אַלע וואָך אַ בײַטל מיט געלט.

די גרעפֿין האָט אַרײַנגעשיקט עטלעכע גוטע מילכקי, די מאַדאַם פּלאַכטע זאָל האָבן גענוג מילך מיט פּוטער, און משרתים צו די קי צו מעלקן און צו מאַכן פּוטער.

בקיצור, ר׳ שׂימחה פּלאַכטע האָט הערלעך בעוווינט עטלעכע געפּוצטע פּאָקאָיעס זייער הערלעך אויסגעמעבלט און האָט געהאַט משרתים פּויערן מיט שיקסעס, זיי זאָלן אים בעדינען, און עס איס

געפֿירט געוואָרן ווי אין איין הויף. און ער איז געגאַנגען געקליידט אין בלויז זײַד, און דער אַלטער ספּאָדעק איז שוין קאַסירט געוואָרן.

ר׳ שׂימחה איז געגאַנגען אין אַ סאָבל־היטל פֿאַר הונדערט רובל, און די לאַנגע ווײַסע יופּעצע מיט דעם ווײַסן גאַרטל וואַרן עכט זײַדנער אַטלאַס, און איין ריכטיקן ים־שטעקן מיט איין גוט זילבערנעם קאָפּ פֿון אַ האַלב פֿונט. און די מאַדאַם פלאַכטע איז געגאַנגען געקליידט ווי איינע גרעפֿין. און מען האָט געהאַלטן צוויי יודישע משרתים צו די קיך, און די שטאָטלײַט האָבן דאָס צוגעזען. מענכע האָבן געלאַכט, און מענכע האָבן געפּלאַצט, נאָר מען האָט געמוזט האָבן דרך־ארץ, דען מען האָט געהאַט מורא, ער זאָל ניט עפּעס אויססאָגן פֿאַר דעם שׂררה.

ר׳ שׂימחה איז געגאַנגען געקליידט אַזוי ווי איינער פֿון די גרויסע גוטע ייִדן, און ר׳ שׂימחה האָט זיך מישבֿ געוועזן און האָט זיך צוגענומען אַ מענטש וואָס איז גוט בעקאַנט אין די מנהגים פֿון אַ גוטן **ייִד** און וויס גוט צו מאַכן דעם אָנשטעל מיט דעם שמים־פּנים און מיט דעם שווינדל צו בערימען דעם הייליקן רבי, אַז ער עסט גאָר ניט און ער בעווײַזט גרויסע אותות (**24**) ומופֿתים. ער איז משביע מלאכים.

דער זעלבער איז געוואָרן זײַן משמש, און דער משמש האָט דעם רבי אויסגעלערנט אַ ביסל דאַווענען. און זי האָט זיך אויך צוגענומען איין אַלטע יודענע, וואָס קען גוט דאַווענען לייענען און האָט זיך געלאָזט לערנען דאַווענען און לייענען. און זי איז זיך געגאַנגען בערייט אין שול אַרײַן מיט דעם קרבן מנחה סידור אַזוי ווי אַ ריכטיקע רביצין. און דער משמש איז געוואָרן בײַ ר׳ שׂימחהן גבאי, און ער האָט עס אײַנגעפֿירט זייער הערלעך, דען קיין געלט האָט דאָך קיינמאָל ניט געפֿעלט. ער האָט געלאָזט מאַכן אויף דעם הויף אַ מקווה און אַ גרויס בית־מדרש מיט עטלעכע שענק ספֿרים, און בעזונדער איין שטיבל פֿאַר דעם הייליקן רבי, ער זאָל מאריך זײַן. און ר׳ שׂימחה האָט אײַנגעפֿירט זײַן הויז זאָל זײַן אָפֿן פֿאַר אָרעמע־לײַט: ווער עס איז אַרײַנגעקומען הונגעריק, דער איז אַרויסגעגאַנגען זאַט. ער און זי האָבן ביידע געגעבן צדקה זייער פֿיל. און זײַן שטיבל וואַר זייער שיין אויסגעמעבלט און אויסגעמאָלט, און אַרום און אַרום זייער פֿיל לײַכטערס מיט לאָמפּן. און בײַ די טיר איז געשטאַנען איין גרויס, קופּערן האַנטפֿאַס מיט אַ גרויסן בעקן מיט צוויי גרויסע האַנטעכער און איין גרויסע, זילבערנע מזוזה מיט אַ זילבערן בײַשטידל. עס האָט אויסגעזען ווי בײַ

איין ריכטיקן רבי. ער איז גאַנץ אַליין געזעסן אין זײַן שטיבל און האָט נעבעך יומם־ולילה געפֿרעסן ווי אַ פֿערד.

דער שׂררה האָט אַלע וואָך געשיקט פֿיל מער ווי מען האָט געברויכט. און דער שׂררה מיט די גרעפֿין מיט אַלע זײַנע הויפֿלײַט האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסע זכיה, דאָס זיי האָבן זוכה געווען צו האָבן אַזוי איין פּאָד פּאַן באָג אין זייער שטאָט, דען זיי האָבן זיך אײַנגערעדט דאָס אויס אַלע גרעסטע נויטן אָדער קראַנקייטן ווירד ער זיי אַרויסהעלפֿן. און בײַ אַלע שׂררים און פֿויערן פֿון אַלע דערפֿער אַרום און אַרום האָט געקלונגען דער נאָמען פֿון דעם פּאָד פּאַן באָג, דען דער שׂררה מיט די שׂררסטע האָבן אים זייער גרויס געמאַכט און בעקאַנט געמאַכט צווישן אַלע שׂררים, און אַלע גרעסטע שׂררים און חראַביעס האָבן אַרײַנגעשיקט גרויסע מתּנות דעם פּאָד פּאַן באָג.
בקיצור, ר׳ שׂימחה פּלאַכטע האָט געלעבט מיט זײַן ווײַב זייער גליקלעך און פֿערגעניגט דאָס קיין גרויסער נגיד קען ניט אַזוי לעבן און אַזוי פֿירן, דען (25 אַל דאָס גוטס האָבן זיי געהאַט, און קיין געלט האָט זיי ניט געפֿעלט, און אויף קיין תּכלית האָבן זיי ניט געזאָרגט. זייער גאַנצע זאָרג איז נאָר געווען צו טראַכטן וועגן די אַכילה, ווּ מען קריגט גרויסע טעפּ מיט שיסלען מיט דיניצעס. אַזוי האָבן זיי געלעבט במנוחה און פֿערגעניגט עטלעכע יאָרן.

## דעם גראַפֿס אוצר אָדער שׂימחהס צװייטער משפּט

ויהי היום, האָט זיך פּאַסירט בײַם שׂררה אַ מעשׂה: דער שׂררה, חוץ זײַנע אַלע פּאָקויעס וואָס ער האָט געהאַט אין זײַן פּאַלאַץ, האָט ער גאַנץ בעזונדער געהאַט איין קליין שטיבל וואָס דאָרט איז קיינמאָל קיין שום מענטש ניט אַרײַנגעקומען, און דאָס איז געווען שטענדיק פֿערשלאָסן, און דאָס פֿענצטער פֿון דעם שטיבל איז אַרויסגעגאַנגען אויף דעם פּאָדוואָרג, און אַרום דעם פּאָדוואָרג איז געווען אַ גרויסע מויער, און דאָרט אין דעם שטיבל איז געווען זײַן גאַנץ עשירות מיט זײַן גאַנץ פֿערמעגן. דאָרט איז געשטאַנען איין גאַנץ גרויסער קאַסטן. אין דעם קאַסטן איז געלעגן איין טאָלעטקע (דאָס איז איין קליין קעסטל זייער קינסטלעך געאַרבעט). די טאָלעטקע וואַר אויס ריין

גאָלד, און אינווייניק איז דאָס קעסטל פֿול געווען מיט דימאַנטן און בריליאַנטן, און דאָס האָט בעטראָפֿן מיליאָנען. און דאָס וואַר נאָך ניט דער עיקר, נאָר דאָרט אין דעם זעלבן קעסטל איז געלעגן איין גרויסער בויגן פֿון פּאַרמעט, און מיט גאָלדענע אותיות איז געווען געשריבן דער גאַנצער יחוס פֿון דעם שׂררה, דאָס ער איז אַ געבאָרענער גראַף און דאָס ער קומט אַרויס **מזרע** מלוכה. און דאָס כתבֿ וואַר ביַי אים טייַערער ווי די דימאַנטן מיט די בריליאַנטן, און אַלע טאָג איז ער געגאַנגען אין דעם שטיבל און האָט אָנגעקוקט דאָס קעסטעלע און האָט זיך דעריבער זייער געפֿרייט.

יעצונד איז ער אַרייַנגעקומען אין דעם שטיבל, און ווי זייער איז ער ערשראָקן געוואָרן דאָס ער האָט געטראָפֿן דאָס פֿענצטער אויסגעהאַקט און דער גרויסער קאַסטן איז געווען אויפֿגעריסן און דאָס קליינע קעסטל איז ניט דאָ געווען. ער איז באַלד געלאָפֿן און האָט געמאַכט אַ גרויס געשריַי. מען האָט געזוכט, מען האָט חושד געווען פֿיל מענטשן, מען האָט געשלאָגן, מען האָט געפּייַניקט. עס וואַר אָבער אַלץ בחינם: מען האָט ניט געפֿונען קיין שום ציַיכן. זאָ איז דער שׂררה געפֿאָרן אין סאָנד. מען האָט גענומען גרויסע חכמים סענדזשעס, זיי זאָלן פֿאָרשן און ווער עס ווירד אַרויסקריגן די גניבה, וועט ער (**26**) שענקן אַ דאָרף, און עס האָט אויך ניט געהאָלפֿן. זאָ איז ער געפֿאָרן צו די וואַרזיאַרעס (דאָס זענען זאָלכע אַלטע גלחים, וואָס זאָגן סגולות, און מענכעס מאָל טרעפֿן זיי). די גלחים האָבן אויך ניט געהאָלפֿן. עס האָט דעם שׂררה געקאָסט זייער פֿיל געלט, און עס האָט אַלץ ניט געהאָלפֿן. און צו ר׳ שׂימחה האָט ער ניט געוואָלט פֿאָרן, דען ער האָט געטראַכט, פֿיליַיכט וועל איך דאָס דורך אַנדערע מענטשן אַרויסקריגן, דאָס איך זאָל ניט ברויכן מטריח צו זיַין דעם הייליקן פּאָד פּאַן באָג. נאָר ווי עס האָט שוין געדויערט אַ האַלב יאָר, און עס האָט שוין געקאָסט זייער פֿיל געלט, און עס האָט גאָר ניט נגעהאָלפֿן, און ער איז שוין באַלד משוגע און קראַנק געווען, זאָ האָט ער שוין געמוזט מטריח זיַין דעם הייליקן פּאָד פּאַן באָג.

אונדזער ר׳ שׂימחה פּלאַכטע האָט זיך גאָר ניט געריכט און איז זיך געזעסן כמלך־בגדוד און געפֿרעסן ווי אַ שמונה כפֿול זולל־וסובֿא. פּלוצלינג איז געקומען צו פֿאָרן אַ הערלעכע קאָטש מיט פֿיר פֿערד, ווי פֿאַר איין גראַף, און דער יונגער שׂררה, דאָס איז דער זון פֿון אַלטן שׂררה, און קאָטשערס און לאַקיַיעס, און די קאָטש האָט זיך געשטעלט פֿאַר שׂימחה פּלאַכטע, און דער יונגער גראַף איז אַריַינגעגאַנגען מיט גרויס דרך־ארץ, דאָס היטל אונטער דעם אָרעם, און האָט געזאָגט צו ר׳ שׂימחהן: „פּאַניע פּראָקאָוו (דאָס הייסט איין נביא), דער טאַטע מיט די מאַמע מיט דאָס

גאַנצע הויזגעזינד לאָזט דיך פֿרײַנדלעך גריסן און פֿאַלן צו אײַערע פֿיס. און דער טאַטע האָט איין עסק ־ זייער אַ גרויס עסק, וועלכעס ער האָט אײַער כּבֿוד ניט געוואָלט מטריח זײַן. נאָר ווײַל קיינער קען אים ניט העלפֿן, זאָ איז ער געצוווּנגען אײַך מטריח צו זײַן. אַלזאָ בין איך געקומען צו פֿאָרן צו אײַך מיט מײַן פֿאָטערס בעפֿעל אײַך הערצלעך ביטן איר זאָלט זאָ גוט זײַן און קומען צו פֿאָרן, דען דער פֿאָטער איז דאָך פֿערזיכערט דאָס איר ווירד אים געוויס העלפֿן.

ר׳ שׂימחה האָט דאָס געהערט. איז אים געוואָרן ביטער אין זײַן האַרץ. איז ער אַרײַנגעגאַנגען צו זײַן ווײַב און האָט מיט אַ ביטער האַרץ געזאָגט: „מײַן ליב ווײַב, מעגסט שוין גרייט מאַכן די שאָנגעס מיט די קאַנען, און ווער ווייס נאָך אויב איך וועל צו די שאָנגעס יאָ זוכה זײַן. עס קען זײַן מען וועט מיך האַרגענען, דען דער בלאָטער ווירד דאָך ווערן אויפֿגעשטאָכן. ער ווירד (27) געוואָר ווערן, דאָס איך בין אַ פּראָסטער גראָבער יונג. וועט ער זיך דאָך משער זײַן, אַז דאָס ערשטע מאָל מיט דעם פֿערד האָט מיר נאָר אַזוי געגראָטן. וועט אים דאָך קרענקן, ווײַל ער האָט אַזוי פֿיל קאָסטן געמאַכט אויף מיר, און עס וועט אים זײַן אַ גרויסע חרפּה, דאָס ער האָט זיך אין מיר זאָ שטאַרק גענאַרט. זאָ וועט ער זיך אָן מיר נוקם זײַן.

בקיצור, יאָ גערן, ניט גערן, ער איז געפֿאָרן. ווי ער איז געקומען האָט אים דער שׂררה אָנגענומען בכּבֿוד גדול און האָט אים זייער איבערגעבעטן ווײַל ער האָט אים מטריח געווען, און ער האָט געזאָגט: „איך האָב גענוג געטאָן דאָס איך זאָל ניט ברויכן אײַך מטריח צו זײַן. נאָר ווײַל קיינער קען מיר שוין ניט העלפֿן זאָ בין איך געצוווּנגען אײַך מטריח צו זײַן. דען בײַ אײַך איז דאָס דאָך גאָר איין קלייניגקייט.״ און דער שׂררה האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשׂה פֿון אלף ביז תּיו. ר׳ שׂימחה האָט דאָס געהערט איז אים געוואָרן פֿינצטער פֿאַר זײַנע אויגן און ביטער אין זײַן האַרץ. ער האָט זיך געטראַכט: „עס מעכט מיר בעסער זײַן אַז איך מעכט ליבער וואַסער טראָגן.״ אַלזאָ זאָגט ער צום שׂררה: „זײַ וויסן דאָס איז קיין קלייניגקייט, דאָס איז זייער אַ גרויסע זאַך! דאָס קען ניט זײַן אַזוי געשווינט ווי דו מיינסט. איך מוז מיר צײַט נעמען אויף דרײַ טאָג, און איך מוז גאַנץ אַליין זיצן, איידער איך וויל מיך דאָס ערוויסן, דען דאָס איז אַ הימל-זאַך.״

אין דעם דאָרף האָט געווינט אַ ייִדישער שענקער וואָס האָט געהאַלטן די ראַנדע. דער ייִד האָט געהאַט אַ גרויסע שטוב צום שענק און אַ קליין שטיבל צום ווינען. די פֿענצטער פֿון דעם קליינעם שטיבל זענען געגאַנגען אויף איין פֿעלד אַרויס. ווי דער שׂררה האָט געהערט פֿון שמחן, דאָס ער

מוז וואַרטן דריַי טאָג, זאָ האָט ער געשיקט נאָך דעם ייִדישן שענקער און האָט אים אַזוי געזאָגט: „זאָלסט לײדיק מאַכן דײַן קליין שטיבל און ריין אויספּוצן, און דו מיט דײַן הויזגעזינד זאָלט עטץ ענק דריַי טאָג בעהעלפֿן אין דער גרויסער שענקשטוּב. און דער פּאָד פּאַן באָג ווירד זײַן דאָרט דריַי טאָג, און זאָלסט אים בעהאַנדלען ווי מיך זעלבסט און זאָלסט באַלד פֿאָרן און זאָלסט אים קויפֿן עסן און טרינקן ווי פֿאַר איין גראַף. איך וועל דיר אַלץ גוט בעצאָלן. דו ווירסט האָבן ביַי מיר אויף אַ גאַנץ יאָר **(28)** די ראַנדע בחינם, ווען דו ווירסט דעם גרויסן מאַן גוט בעהאַנדלען . ווען איך וועל מיך אָבער ערוויסן, דאָס דו האָסט אים ניט ווי אַם בעסטן בעהאַנדלט, זאָ וועל איך דיך אַרויסוואַרפֿן פֿון מײַן דאָרף. און דער שׂררה האָט מיט גרויס כּבוד גענומען דעם פּאָד פּאַן באָג און האָט אים זעלבסט געפֿירט צום שענקער. עס וואַר דאָרט אַלץ שוין גרייט. דער שׂררה האָט זיך מיט אים געזעגענט און איז אַוועקגעגאַנגען. און ר׳ שׂימחה האָט זיך גאַנץ אַליינט געזעצט אין דעם שטיבל און איז געזעסן אין גרויסע צרות.

אַלע פּויערן און פּאַרטעס און פּאַרבקעס פֿון גאַנצן דאָרף האָבן שוין געוווּסט אַז דער פּאָד פּאַן באָג איז דאָ. די אַלע וואָס מען האָט זיי בחינם חושד געווען, די האָבן זיך זייער געפֿרייט דאָס מען זאָל דעם ריכטיקן אמת געוואָר ווערן, דאָס זיי זענען ערלעכע לײַט. און ביַי דעם שׂררה אין הויף איז געווען זייער פריילעך, דען ער האָט זיך געוויס געריכט דאָס ער ווירד די גנבה אָפּקריגן. און ער האָט דורך די דריַי טאָג גלאָזט צונאַנדרופֿן אַלע שׂררים, זײַנע שכנים און אויך פּויערן פֿון אַנדערע דערפֿער זענען געקומען צו פֿאָרן און צו לויפֿן ווי זיי האָבן געהערט דאָס דער פּאָד פּאַן באָג איז דאָ, און אַלע האָבן זיך געפֿרייט. נאָר ר׳ שׂימחהן איז נעבעך זויער און ביטער אין זײַן האַרץ.

ווי דער שׂררה איז פֿון שׂימחהן אַוועקגעגאַנגען, זאָ האָט דער שענקער מיט זײַן ווײַב צווישן זיך געלאכט אויס שׂימחהן ווײַל זיי האָבן דאָך אים געקענט. דאָך אָבער איז דער שענקער באַלד געפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן און האָט מיטגעפֿירט גוטע עופֿות צו שעכטן און האָט אַדיים געקויפֿט אַלערליי גוטע מאכלים און פֿרוכטן, גוטן ווײַן מיט אַנדערע גוטע געטראַנקען, מיט קאַווע, צוקער, מיט אַלע זאַכן וואָס מען ברויך פֿאַר אַ גרויסן מאַן. און דעם שענקערס ווײַב האָט געקאָכט און געבראָטן זייער וויל, און מען האָט ר׳ שׂימחהן אַרײַנגעברענגט עטלעכע גרויסע שיסלען מיט טעלערס פֿיל מיט פֿיש, מיט פֿלייש און מיט כל מיני מאכלים, דען זיי האָבן דאָך אים געקענט פֿון לאַנג דאָס ער איז ניט קיין הפֿסקה פֿאַסטער. בקיצור, מען האָט צו טיש געגרייט און אויפֿגעשטעלט צו עסן ווי אויף אַ חתונה. עס איז אָבער ביטער ווי דער טויט. ר׳ שׂימחה קען ניט

(29) עסן. דער בויך איז פֿערשלאָסן און דאָס האַרץ איז פֿערשטיינערט. עס קען קיין ביסן עסן ניט אַרייַנגיין אין האַלדז, זייַן טיר וואַר פֿערמאַכט. ער איז נאָר געגאַנגען אַהין און אַהער און ביטער איז געוועזן זייַן לעבן.

אין עטלעכע שעה האָט די שענקערין מיט דעם שענקער ווידער אַרייַנגעברענט פֿרישע מאכלים. ווי פֿערוווּנדערט זענען זיי אָבער געבליבן אַלס זיי האָבן געזען דאָס די פֿאָריקע מאכלים זענען נאָך אין גאַנצן, ער האָט זיי ניט געהאַט אָנגערירט.

אויף דער נאַכט האָט מען אים אַרייַנגעברענגט נאַכטעסן. מען האָט אָבער געמוזט יענע כלים מיט מאכלים צוריקנעמען אַזוי ווי מען האָט זיי אַרייַנגעברענגט, דען ער האָט עס ניט אָנגערירט. און אַ גאַנצע נאַכט האָט ער ניט געקענט שלאָפֿן. עס האָט אים פֿון גרויסע אַראָפּגעוואָרפֿן ווייַל ער האָט זיך דערמאָנט וואָס זייַן שוואַרצער סוף וועט זייַן. מאָרגן גאַנץ פֿרי האָט ער זיך אָנגעטאָן זייַן טלית וּתּפילין, און ווי ער האָט געקענט, האָט ער געדאַווענט.

ווי דער שענקער מיט זייַן ווייַב האָבן אים אַרייַנגעברענגט דאָס אָנבייסן און האָבן געזען דאָס גאַנצע עסן פֿון נעכטן שטייט אַזוי ווי מען האָט עס אַרייַנגעברענגט, עס איז נאָך ניט גערירט, און האָבן אים געטראָפֿן שטיין אין דעם שיינעם טלית מיט די גאַנץ גרויסע תּפֿילין, זאָ זענען זיי זייער פֿערוווּנדערט און ערשראָקן געבליבן און האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: „עס איז דאָך ניט בחינם, ווער ווייס וואָס פֿאַר איין פֿערבאָרגענער צדיק אָדער גוטער ייִד דאָס איז, און ווער ווייס וואָס פֿאַר איין פּסק מיר וועלן האָבן ווייַל מיר האָבן פֿון אים געלאַכט. בקיצור, דער קוימען מיט די קיך וואַרן פֿיל אָנגעשטעלט מיט טעפּ, מיט שיסלען, מיט דיניצעס. אַלץ וואַר פֿול מיט מאכלים, דען ער האָט די גאַנצע צייַט ניט גענומען דאָס מינדסטע אין זייַן מויל אַרייַן, און דער שענקער האָט דאָך געמוזט האָבן צו ווייַזן דעם שׂררה דאָס ער האָט אָנגעגרייט.

ווי עס איז געקומען די צווייטע נאַכט וואָס מאָרגן וואַר שוין דער דריטער טאָג, זאָ איז שׂימחה געלעגן אויף זייַן געלעגער אין גרויסע צרות, ניט איין אויג צוגעמאַכט. די טיר וואַר פֿערמאַכט. די לבנה האָט דורך דעם פֿענצטער אַרייַנגעלויכטן. און ווי ער ליגט אַזוי פֿערטראַכט אין זייַנע מחשבות, הערט ער דורך דעם פֿענצטער אַ נידעריק קול: „פּאַניע פּראָאָק, פּאַניע פּראָאָק!״

(דאָס וואָרט איז טײַטש נביא). ער האָט זיך אָנפֿאַנג ערשראָקן, נאָר ווי ער האָט געהערט מען שרײַט עטלעכע מאָל און מען בעט (**30**) זייער ער זאָל אויפֿמאַכן דאָס פֿענצטער, אויבוויל איין אַנדערער רבי מעכט בײַ נאַכט בשום אופֿן ניט אויפֿמאַכן און ניט רעדן מיט קיינעם, אונדזער ר׳ שׂימחה אָבער האָט ניט מקפּיד געווען און איז אויפֿגעשטאַנען. אויב ער האָט זיך געוואַשן, ווייס איך ניט. בקיצור, ער האָט אויפֿגעמאַכט דאָס פֿענצטער און האָט געשריגן: „קטאָ מאַס! קטאָ מאַס!״ זאָ האָט יענער געענטפֿערט: „איך בעט אײַך, רעדט אַ ביסל שטילער, איך ברויך וואָס נייטיקס מיט אײַך צו רעדן דאָס קיינער זאָל ניט וויסן. איר זאָלט וויסן איך הייס סטעפֿאַן. איך האָב דאָס קעסטעלע געגנבעט, מיט די דימאַנטן און מיט אַלעס וואָס דאָרט אין קעסטעלע איז, און עס פֿעלט גאָרניט. עס ליגט בעהאַלטן אויף איין אָרט וואָס קיין מענטש ווייס ניט, און קיינער האָט ניט גערירט. און איך ווייס דאָך גאַנץ גוט, דאָס איר זענט אַ פּאָד פּאַן באַג, און איר ווייסט דאָך גוט די גאַנצע מעשׂה. און ווען איר ווירד דאָס אויסזאָגן פֿאַר דעם שׂררה, זאָ ווירד ער מיך האַרגענען, און איך האָב ערשט פֿאַר אַ האַלב יאָר חתונה געהאַט און האָב מײַן מאַרישע זייער ליב. און אַז דער שׂררה ווירד דאָס געוואָר ווערן, זאָ וועט ער אונדז ביידע האַרגענען. אַלסדאַן בעט איך אײַך איר זאָלט אויף מיר רחמנות האָבן און זאָלט פֿון מיר דאָס קעסטל נעמען און מיט חכמה דעם שׂררה דאָס אָפּגעבן דאָס ער זאָל ניט ח״ו געוואָר ווערן, און איך וועל אײַך גאַנץ גוט בעלוינען.

ענטפֿערט שׂימחה: וואָס דערציילסט דו מיר? ווייס איך דען ניט? דײַן מזל איז גענוג גרויס דאָס דו ביסט יעצט געקומען. אַלסדאַן, ווּ האָסט דו דען עס בעהאַלטן?״ זאָגט סטעפֿאַן: „פֿון דאַנען ביז צום וואַלד שטייעןביימער בײַם וועג אויף ביידע זײַטן, האָב איך אָפּגעציילט צוועלף ביימער. אונטער דעם דרײַצנטן בוים האָב איך אויסגעגראָבן אַ גרוב און האָב דאָס קעסטל דאָרט גוט בעהאַלטן.״

פֿרעגט שׂימחה: „ווייס ניט קיין מענטש פֿון דעם?״ זאָגט סטעפֿאַן:„אפֿילו מײַן אייגען ווײַב ווייס אויך ניט. קומט מיט מיר, וועל איך אײַך ווײַזן ווּ עס ליגט, און איר וועט עס נעמען. נאָר גדענקט אָן גאָט און מאַכט אײַך ניט וויסן אַז איך בין דער גנבֿ.

ר׳ שׂימחה איז בײַ נאַכט דורך דעם פֿענצטער אַרויסגעקראָכן און איז מיט סטעפֿאַנען מיטגעגאַנגען. און סטעפֿאַן איז געלאָפֿן נאָך איין שפּאָדל און האָט אויפֿגעגראָבן און מען האָט דאָס

**(31** קעסטל געפֿונען. עס איז פּונקט אַזוי געלעגן ווי ער האָט עס אַרײַנגעלייגט. שׂימחה האָט געהייסן, דאָס קעסטל זאָל ווײַטער בלײַבן ליגן, און מען זאָל עס גוט צודעקן און פֿערשיטן מיט ערד. און צו סטעפּאַנען האָט ער אַזוי געזאָגט: „גיי אַהיים און לייג דיך שלאָפֿן, און מאַך דיך פֿאַר קיין שום מענטש ניט וויסן. און אַז דו ווירסט דיך פֿאַר איין מענטש וויסן מאַכן אָדער אפֿילו נאָר איין וואָרט רעדן, זאָ וועסט דו באַלד שטאַרבן. סטעפּאַן האָט גענומען די טשאַפּקע אין די האַנט און איז געפֿאַלן צו שׂימחהס פֿיס און האָט געזאָגט: „עה, ניע פּאָוויעל״ און איז אַוועקגעגאַנגען.

ר׳ שׂימחה איז שוין געוואָרן פֿריילעך און איז צוריקגעגאַנגען און גאַנץ שטיל דורך דעם פֿענצטער אַרײַנגעקראָכן אין זײַן שטיבל און דאָס פֿענצטער צוגעמאַכט. נאָר ער איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער און אַהינגעקוקט צו דעם אָרט ווו דאָס קעסטל איז געוועזן, דען ער האָט מורא געהאַט אַז סטעפּאַן זאָל זיך ניט מיישבֿ זײַן און אַרויסנעמען דאָס קעסטל. ער איז געשטאַנען ביז עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. זאָ האָט ער זיך אָנגעטאָן זײַן ווײַס־זײַדענע יופּעצע און געלייגט טלית ותּפֿילים און איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער און האָט זיך געשאָקלט.

ווי עס איז שוין רעכט טאָג געוואָרן, זאָ איז שוין דער שׂררה מיט נאָך זייער פֿיל שׂררים און פֿיל גרויסע מענער געקומען. דען אַלע וואַרן דאָך לאַקאָמע צו זען דעם פּאָד פּאַן באָג און צו זען זײַנע גרויסע ווונדער. אַלע זענען געבליבן שטיין פֿון דרויסן, נאָר בלויז דער שׂררה איז אַליינט אַרײַנגעגאַנגען. דאָס קליינע שטיבל וואַר נאָך פֿערמאַכט. זאָ פֿרעגט דער שׂררה דעם שענקער אויב ער האָט גוט בעהאַנדלט דעם רבי. זאָ זאָגט דער שענקער: „יאַשניע פּאַניע, איך האָב אים בעהאַנדלט ווי איין גראַף, נאָר וואָס קומט אַרויס, ער האָט די גאַנצע צײַט זײַט ער דאָ איז גאָר ניט געגעסן און ניט געטרונקן.״ און דער שענקער האָט דעם שׂררה געוויזן די אַלע טעפּ מיט שיסלען מיט דיניצעס, אַלץ פֿול מיט עסנוואַרג, פֿיש, פֿלייש, געקאָכטס און געבראָטנס און גוטן ווײַן. דער שׂררה האָט דאָס געהערט און אויך געזען איז ער גאַנץ ערשטוינט געבליבן און האָט געזאָגט: „עס טוט מיר שוין אין גאַנצן באַנג **(32** צו וואָס איך האָב אים מטריח געוועזן דאָס ער זאָל זיך דורך מיר אַזוי פּײַניקן.״ און דער שׂררה איז אַרויסגעגאַנגען און האָט אַרײַנגערופֿן די אַלע שׂררים און האָט זיי געוויזן דאָס עסן און האָט זיי דערציילט אַז דער צדיק פֿאַסט שוין הײַנט דעם דריטן טאָג.

דער שׂררה איז גאַנץ שטיל געגאַנגען אויף די נעגל צו די טיר און האָט דורך די שפּאַרע אַרײַנגעקוקט און האָט געזען ווי דער צדיק שטייט אײַנגעהילט אין די הייליקע קליידער און שאָקלט זיך. זאָ האָט ער אַהערגערופֿן אַלע שׂררים. האָבן אַלע אַרײַנגעקוקט און האָבן זיך פֿערוווּנדערט. שׂימחה אָבער האָט ערשפּירט דעם שׂררה, ער האָט דערקענט זײַן קול. זאָ האָט ער אָנגעהויבן צו מאַכן די גנבֿישע שטיקעס, האָט געפּאַטשט מיט די הענט און געקאָפּעט מיט די פֿיס און האָט פּלוצלינג אויפֿגעמאַכט די טיר. זאָ האָט דער שׂררה מיט אַלע שׂררים גאַנץ געשווינד געכאַפּט זייערע היטלעך פֿון די קעפּ און זענען געפֿאַלן פֿאַר שׂימחהן כורעים־ומשתּחווים. און שׂימחה האָט געזאָגט צום שׂררה: „הײַנטיקן טאָג װירסט דו שוין האָבן דײַן גנבה. זאָלסט באַלד לאָזן צונאַנדרופֿן אַלע מענטשן וואָס געפֿינען זיך אין דעם דאָרף און זאָלסט שטעלן איין זײַט בלויסע מאַנספּאַרשוינען און איין זײַט בלויסע נקבות. און די פֿרעמדע שׂררים מיט זייערע ווײַבער און טעכטער וואָס זענען געקומען צו פֿאָרן זאָלן אויך אַזוי שטיין. און אפֿילו די ייִדישע קינדער וואָס געפֿינען זיך אין דעם דאָרף זאָלן אויך אַזוי שטיין. דער ייִדישער שענקער, דער שווייגער מיט די ווײַבער מיט ערוואַקסענע קינדער זאָלן אַלע שטיין. און אַז דאָס וועט זײַן פֿערטיק, אַלע וועלן שוין שטיין גרייט אויף דעם פּלאַץ, זאָלסט דו אַהערקומען צו מיר, נאָר די אַלע מענטשן זאָלן שטיין גרייט דאָ אויף דעם פּלאַץ בײַ די ביימער.

דער שׂררה מיט די איבריקע שׂררים זענען גאַנץ געשווינד געלאָפֿן, דען זיי זענען דאָך געווען זייער לאַקאָמע צו זען די גרויסע ווּנדער. בקיצור, עס האָט גאָר ניט לאַנג געדויערט זענען שוין אַלע געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ, אַזוי ווי שׂימחה האָט געהייסן, און דער שׂררה איז געקומען צו שׂימחהן. זאָ זענען זיי ביידע אַהינגעגאַנגען צו די מענטשן. אַלע זענען געשטאַנען גלײַך געסדרט און מיט גרויס דרך־ארץ, ווי פֿאַר איין מלכות, און שׂימחה מיט דעם שׂררה זענען געגאַנגען באַנאַנד. **(33)** יעצט זאָגט ר׳ שׂימחה צום שׂררה: „יעצט קום מיט מיר און זאָלסט זען, וואָס איך טו און הערן, וואָס איך רעד און נאָר שטיל שווײַגן.

יעצט איז ר׳ שׂימחה אַדורכגעגאַנגען דורך די גאַנצע ריי פֿון די נקבֿהות, פֿון איין עק ביז צום אַנדערן עק, און האָט אַרויפֿגעלייגט זײַן האַנט אויף דעם האַרץ פֿון איטלעכער נקבֿה, און בײַ יעדער נקבֿה וואָס ער האָט אַוועקגענומען זײַן האַנט פֿון איר האַרץ האָט ער מיט זײַן קאָפּ געשאָקלט ״ניין״ און האָט גאַנץ הויך געשריגן: „ניין, ניין זי איז ריין, זי ווייס ניט פֿון די גנבֿה!״ ווי ער

האָט שוין אָפּגעפֿערטיקט די נקבֿהות, איז ער געגאַנגען צו די אַנדערע זײַט, צו די מאַנען, און האָט אויך אַזוי געמאַכט פֿון ערשטן ביז צום לעצטן. נאָר ווי ער האָט געהאַלטן זײַן האַנט אויף סטעפֿאַנס האַרץ, זאָ האָט ער געשפּירט עס האָט געקלאַפּט ווי אַ גלאָק. ער האָט זיך אָבער ניט וויסן געמאַכט, נאָר בײַ יעדן באַזונדער האָט ער געשריגן דאָס וואָרט: „ניין, ניין, ער איז ריין פֿון **די** גנבֿה!״ און ווײַל פֿון די אַלע מענטשן האָט דאָך באמת קיינער ניט געוווּסט, זאָ האָט יעדער איינציקער אים געהאַלטן פֿאַר אַ ריכטיקן פּאָד פּאַן באָג, און אַלע האָבן אים זייער ליב געקראָגן. ווי ער האָט שוין דאָס געענדיקט, זאָגט ער צו דעם שׂררה מיט אַ הויך קול דאָס אַלע זאָלן הערן: „זאָלסט וויסן דאָס דו האָסט אַלע מענטשן גאָר בחינם חושד געווען. זיי זענען אַלע ערלעכע לײַט, און הײַנטיקן טאָג מוזט דו דאָך דײַן קעסטל האָבן ווײַל איך האָב דיר מײַן וואָרט געגעבן.

יעצט האָט ער זיך אײַנגעהילט אין זײַן טלית און גוט אַראָפּגעצויגן דעם גרויסן ספּאָדעק און גענומען זײַן ים־שטעקן און געשאָקלט און געטײַט קעגן הימל, און אויף אַלע פֿיר זײַטן, און האָט זיך דעם טלית איבערגעצויגן איבער דעם קאָפּ און פֿאַרדעקט דעם ספּאָדעק מיט דעם פּנים און מיט דעם שטעקן געשאָקלט ווי מיט איין לולבֿ. באַלד איז ער געבליבן שטיין עטלעכע מינוטן גאַנץ שטיל, אַזוי ווי אַ טויטער, און פּלוצלינג האָט ער אַ געשרײַ געגעבן מיט גרויס קול און מיט כּעס צום שׂררה: „ניין, ניין, קיין מענטש האָט דיר דאָס קעסטל ניט גענומען. דאָס איז אַ הימל-געשעפֿט. דו ווירסט עס באַלד האָבן.״ און דאָס גאַנצע פֿאָלק ווי אויך עטלעכע ייִדן וואָס דאָרט האָבן געווווינט האָבן דאָס אַלץ געהערט און געזען און זיך זייער פֿערוווּנדערט.

(34) יעצט האָט שׂימחה דעם שׂררה געגעבן זײַן ים־שטעקן און איז מיט אים און מיט דעם גאַנצן פֿאָלק געגאַנגען צום ערשטן בוים פֿון די ביימער און האָט דעם שׂררה געהייסן געבן דרײַ גרויסע קלעפּ אין בוים. דער שׂררה האָט אַזוי געטאָן. פֿרעגט שׂימחה דעם שׂררה: „האָסט דו געהערט וואָס דער בוים זאָגט?״ ענטפֿערט דער שׂררה: „ניין.״ זאָגט שׂימחה: „דער בוים האָט געזאָגט, ער האָט ניט דאָס קעסטל.״ זאָ האָט מען געטאָן בײַם אַנדערן בוים און בײַם דריטן בוים, ביז מען איז געקומען צום ריכטיקן בוים. און ווי דער שׂררה האָט דאָרט געגעבן די דרײַ קלעפּ, זאָ האָט שׂימחה אַ גרויסן שפּרונג געגעבן און געפּאַטשט מיט די הענט און האָט געשריגן צום שׂררה: „וואָס שטייסט דו? הערסט דו דען ניט דאָס דער בוים שרײַט געוואַלד, דאָס אונטער אים ליגט דײַן קעסטל? פֿון הימל האָט מען עס דאָ אַהערגעלייגט. אַלסדאַן לויף גאַנץ געשווינד און ברענג אַ שפּאָדל! נאָר דו אַליינט מוזט גיין.

דער שׂרה איז געשווינד געלאָפֿן און האָט געברענגט דעם שפּאָדל. האָט שׂימחה געהייסן ער זאָל אָנהייבן צו גראָבן צוויי שפּאָדל טיף. ער האָט געגראָבן צוויי שפּאַדל טיף. ווי אָבער ערשראָקן איז דער שׂרה מיט אַלע פֿרעמדע שׂרים געוואָרן אַלס זיי האָבן ערזען דאָס קעסטל. און דער שׂרה האָט דאָס קעסטל אין די האַנט גענומען און געוויזן פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק. די אַלע שׂרים מיט דעם גאַנצן פֿאָלק האָבן אַראָפּגעכאַפּט די היטלעך פֿון זייערע קעפּ און האָבן פֿאַר שׂימחהן געקניט ווי פֿאַר איין גאָט. און די פּאַרטעס מיט פויערן מיט פּאַרבקעס האָבן געקניט און געשריגן: „דאָס איז דער אַנדערער האַנט פֿון פּאַן באָג!״

יעצט קען זיך דער לעזער מערקן דעם כּבוד וגדולה, וואָס ר׳ שׂימחה פּלאַכטע האָט געהאַט. און דער שענקער מיט זײַן ווײַב האָבן עס ניט אויסגעהאַלטן ווײַל זיי האָבן אַ מאָל אויס אים געלאַכט. זיי האָבן געזאָגט: „ווער ווייס וואָס אויף אונדז ווירד קומען ווײַל מיר האָבן געלאַכט אויס אַזוי אַ מלאך!״ בקיצור, מען האָט אים אַהיימגעפֿירט אין הויף אַרײַן צום שׂרה, נאָר מען האָט אים ניט געקענט לאַנג אויפהאַלטן ווײַל דער שׂרה מיט די איבריקע שׂרים האָבן געוווּסט דאָס ער פֿאַסט שוין דעם דריטן טאָג. און מען האָט אים בעוואָרפֿן מיט גרויסע, טײַערע מתּנות און מיט זייער פֿיל געלט. יעדער שׂרה האָט געגעבן זײַן גאָלדענעם זייגער מיט אַלע סיגנעטן פֿון די פֿינגער. עס איז פֿון די פֿרעמדע שׂרים צונאַנדגעקומען איין באַרג מיט געלט און מיט צירונג. מען האָט דאָס אַלץ געלייגט אין איין קאַסטן, חוץ וואָס דער **(35)** ריכטיקער שׂרה האָט אים אַליינט אײַנגעפּאַקט אַ קאַסטן מיט געלט און גאָלד און זילבער און צירונג. בקיצור, עס האָט בעטראָפֿן קורחס אוצר.

מען האָט עקסטראַ פֿאַר זײַנט וועגן אַליינט אײַנגעשפּאַנט אַ הערלעכע קאָטש מיט פֿיר פֿערד און אַלץ אַרײַנגעלייגט אין די קאָטש. און די גרעפֿין מיט די קינדער און אַלע פֿרעמדע שׂרים מיט זייערע ווײַבער מיט קינדער זענען אַלע מיטגעפֿאָרן. עס וואַר זייער פֿיל קאָטשן, דען יעדער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ זכות דאָס ער האָט זוכה געווען אים צו בעגלייטן. און דאָס פויערנפֿאָלק וועלכעס האָט נאָר געהאַט איין פֿערד און אַ וואָגן האָט נאָר אויפֿגעלייגט וואָס נאָר מעגלעך איז געווען: אַ גוט קאַלב, גוטע עופֿות, האָניקוואַקס, און האָבן מיטגעפֿירט מתּנות פֿאַר דעם שׂימחהן. בקיצור, עס זענען געפֿאָרן אַ גרויסע מחנה און דער שׂרה האָט זיך געבעטן ער זאָל אים ערלויבן צו זיצן מיט אים אין **די** קאָטש. ר׳ שׂימחה האָט אים ערלויבט. זענען זיי ביידע געזעסן אין איין קאָטש.

ווי די מחנה זענען געקומען אין שטאָט האָבן זיך די שטאָטלײַט געוווּנדערט ווײַל זיי האָבן געזען אַזוי פֿיל קאָטשן און האָבן געוואָלט וויסן ווו אַהין זיי פֿאָרן. ווי פֿערוווּנדערט אָבער זענען זיי געוואָרן דאָס זיי האָבן געזען דאָס די אַלע קאָטשן פֿאַרפֿאָרן פֿאַר ר׳שׂימחה פלאַכטע. און אַלע האָבן געפּלאַצט ווי זיי האָבן געזען ר׳ שׂימחהן אַרויסקריכן אויס דער קאָטש, און די אַלע שׂררים זענען געשטאַנען מיט די בלויסע קעפּ ווי פֿאַר איין מלכות, און ער איז פֿאַרויסגעגאַנגען און אַלע פֿון הינטן. און זיי זענען געקומען אין שׂימחהס פּאָקוי און די גרעפֿין האָט זיך געווילקאָמט מיט די מאַדאַם שׂימחהן און האָט זי געקושט און געהאַלדזט און געשענקט גרויסע מתּנות און געזאָגט: „וויל איז דיר דו האָסט אַזוי איין הייליקן גײַסט פֿאַר אַ מאַן.״ און די שׂררים האָבן געמאַכט אין די שטאָט אַ גרויסע פּאַראַדע, און יעדער בעזונדער האָט געזאָגט: „איך וועל דיר אַלע וואָך שיקן אַלדעס גוטס. און די פּויערן האָבן אויך דאָס אייגענע געזאָגט, און אַלע האָבן זיך געזעגנט בכּבוד גדול און אַוועקגעפֿאָרן. און אַלע האָבן געהאַלטן זייער וואָרט און האָבן געשיקט.

די שטאָטלײַט האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן און האָבן גאָרניט פֿערשטאַנען וואָס דאָס איז. זאָ האָבן זיי געפֿרעגט (36) דעם ייִדישן שענקער וואָס אין דאָרף וווינט. זאָ האָט דער שענקער דערציילט די גאַנצע מעשׂה און האָט צו די שטאָטלײַט געזאָגט: „דער שׂררה מיט די אַנדערע שׂררים זענען ניט משוגע, און ער איז באמת אַ מלאך אלקים. ווען איך מעכט ניט זעלבער זען די גרויסע וווּנדער מעכט איך זעלבסט ניט גלויבן. און עטץ זאָלט וויסן דאָס עטץ פֿערזינדיקט ענק די יאָר און די טאָג דאָס איר רעדט אויף אים און לאַכט אויס אים.״ און די שטאָטלײַט זענען געבליבן זייער פֿערוווּנדערט, און עס איז געוואָרן אין די שטאָט עפּעס אַ געשמועס: אפֿשר איז ער טאַקע עפּעס אַ פֿערבאָרגענער צדיק, בפרט זיי האָבן געזען ער פֿירט זיך זייער ייִדיש, און זײַן הויז איז אָפֿן פֿאַר אָרעמעלײַט. ער האָט מפֿרנס געווען אָרעמע תּלמידים חכמים. בקיצור, ער האָט שוין געקראָגן אַ שם אין די וועלט.

און מענכע זענען שוין געקומען פֿרעגן סגולות, און דער גנבֿטיגער גבאי האָט אים שוין אויסגעלערנט גנבֿישע סגולות: מען זאָל נעמען לולבֿ און קאָכן אין מקווה־וואַסער; מען זאָל זאָגן דאָס קאַפּיטל כ׳ זיבן מאָל, דאָס קאַפּיטל ז׳ צוואַנציק מאָל; מען זאָל נעמען פֿעדערן פֿון אַ ווייסן האָן, לייגן אויף דעם בויך, וועט מען געווינען אַ בן-זכר; ערד פֿון אַ קבֿר טראָגן אין אַ ווײַס בײַטעלע

אויף דעם האַלדז איז גוט פֿאַר אַ עין הרע רח״ל. שלשה פּעמים **ח״י** פּגים צו לייגן אונטערן קישן, און מאָרגן דאָס געלט אַריַינוואַרפֿן אין רביס צדקה, קיינער זאָל ניט זען. דאָס איז אַ סגולה צו די גילדענע אָדער; לויבערזאַלץ מיט רויזנהאָניק געקאָכט אין פּוטערמילך איז אַ סגולה צו די אויגן; און נאָך פֿיל זאָלכע נאַרישקייטן. און דער רבי האָט זיך דאָס גאַנץ געשווינד אויסגעלערנט, דען צו שמאַדקייט איז ר׳ שׂימחה זייער קלוג געווען. בקיצור, ער איז געוואָרן בערימט אין גאַנצן לאַנד. עס זענען געקומען צו פֿאָרן מענטשן, מאַנען און וויַיבער, פֿון די האַלבע וועלט, און יעדער האָט ערציילט נסים ונפֿלאות פֿון דעם פֿערבאָרגענעם צדיק. און דער צדיק מיט זיַין וויַיב האָבן יעצט עוסק געווען אין הלכות אכילה אַזוי ווי די פֿערד. און יעדער מענטש וואָס איז געקומען צו פֿאָרן האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן זכות דאָס ער האָט זוכה געווען צו קריגן די האַנט שלום עליכם פֿון דעם הייליקן רבי. בקיצור, ער איז געוואָרן גרויס עד־ לבֿ־השמים: די גאַנצע וועלט האָט ביַי אים געהאַלטן.

## דער הויף פֿון רעבי שׂימחה פּלאַכטע

**(37)** עס זענען אויך געקומען צו פֿאָרן ריכטיקע חסידים און רבנים און לומדים, און מען האָט זייער נוהג כּבוד אָן אים געווען. און ווען די פֿרעמדע חסידים און לומדים האָבן געשמועסט מיט דעם גבאי בסוד פֿאַרוואָס, ער זאָל לעבן, זאָגט קיין מאָל ניט קיין וואָרט תּורה ביַים טיש? זאָ האָט דער גבאי געענטפֿערט: „וואָס וועט עטץ דען פֿאַרשטיין פֿון זיַין תּורה? ער זאָל לעבן, לערנט תּורה בלויז קבלה בסוד־סודות. זיַינע תּורות זענען פֿון די עולמות העליונים. דאָך האָט זיך דער גנב איין עצה געגעבן דאַס דער רבי זאָל אויך זאָגן תּורה ביַים טיש. ער איז געזעסן טאָג און נאַכט מיט דעם זולל־וסובֿא און האָט אים אויסנוויייניק דערציילט אַלע מעשׂיות פֿון גאַנץ חומש מיט גאַנץ תּנ״ך און האָט געזען ער זאָל קלאָר זיַין אין אַלע מעשׂיות.

איין מאָל איז געווען אַ שבת, וואָס עס זענען געווען פֿיל לומדים און חסידים און האָבן זייער געבעטן, דער רבי זאָל זאָגן אַ דבֿר־תּורה. האָט זיי דער גבאי מבֿטיח געווען אַז ער וועט בעטן דעם רבי, וועט ער אים צו ליב טאָן און וועט זאָגן. „נאָר וואָס קומט אַרויס? עטץ וועט דאָך גאָר ניט פֿערשטיין." דען זיַינע תּורות זענען דאָך בלויז פֿערבאָרגענע סודות. בקיצור, עס איז געקומען נאָך דעם עסן, האָט דער רבי געעפֿנט זיַין מויל און פֿערגלייסט די אויגן און געזאָגט (די סיגנון האָט ער געקענט נאָכמאַכן אַזוי ווי דער גבאי האָט אים געלערנט, נאָר די מעשיות האָט ער ניט גוט

געדענקט). „האַ, האַ, האַ, ני, ני, ני, אוי, אוי, אוי. ווען נח האָט מלחמה געהאַלטן מיט די פּלישטים אין די מדבר און נח האָט די מלחמה פֿערשפּילט, איז ניגזר געוואָרן מען זאָל נעמען יצחק אויף די עקידה, און די עקידה איז גורם דאָס לאַנגע גלות. אוי, אוי, אוי, האַ, האַ, האַ, ני, ני, ני. מים אחרונים. בענטשן. אור זרוע לצדיק."

נאָך דעם בענטשן האָט איין חסיד געזאָגט צום אַנדערן: „ביסט דו אַ מבין אויף די תּורה?״ ענטפֿערט יענער: „האַ, האַ, ווארום, דו ביסט אַ מבין? דאָס איז קבלה.״ דער דריטער זאָגט: „דאָס איז זייער טיף. דאָס איז סודי־סודות.״ האָט דער גבאי געזאָגט: „האָב איך ענק געזאָגט, אַז זייַנע תּורות זענען ניט פֿאַר [?] מענטשן, נאָר פֿאַר די מלאכים.

ווי דער עולם איז אַהיימגעפֿאָרן, איז שוין געוואָרן [?] אין דער וועלט דאָס דער רבי זאָגט זאָלכע פֿערבאָרגענע סודות **(38)** התּורה, אשר אין לשער ואין לספר. זאָ האָבן זיך אייַנגעזאַמלט פֿון פֿיל שטעט חסידים און לומדים, אויך קליינע רבילעך, און זענען געפֿאָרן הערן סודות התּורה. בייַם טיש האָט דער רבי ווידער געמאַכט די גנבישה סיגוס און האָט געזאָגט: „ווען מלך נמרוד האָט מלחמה געהאַלטן מיט שאול המלך, האָט דניאל פּותר געווען דעם חלום פֿון די זיבן קי וואָס פּרעה האָט געזען בייַם ירדן. און ווייַל דער ירדן איז געוואָרן געשלאָגן מיט בלוט, איבער דעם רעגענט ניט אין ארץ ישראל, ביז עס ווירד מתוקן דער חטא וואָס זיי האָבן געהאַרגעט יונה דער נביא אין בית המקדש. וועט ווידער גושן געבויט ווערן, און עס וועט רעגענען״. און האָט נאָך זאָלכע פֿערשידענע תּורות געזאָגט: „ווי דער מלך אַגג האָט מלחמה געהאַלטן מיט נבוכדנצר, און נאָך **די** מלחמה איז יוסף פֿערקויפֿט געוואָרן קיין מצרים מיט זייַנע ברידער און האָבן ניט געהאַט קיין מנוחה, ביז קורח האָט געבויט אַ תּיבה צום מבול. און דאָס איז געווען אַ רמז צום בית הראשון.״

און נאָך פֿערשידענע פֿערבאָרגענע סודות האָט ער מגלה געווען, וואָס מען מוז זוכן אַ גרויסן בעל קבלה ער זאָל דאָס פֿערשטיין. דער גאַנצער עולם האָט זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און יעדער האָט זיך געשעמט צו זאָגן דאָס ער פֿערשטייט גאָר ניט. נאָר איטלעכער בעזונדער האָט געזאָגט: „איך פֿערשטיי עס גאַנץ גוט. עס איז אַזאָלכע טיפֿע סודות וואָס אוממעגלעך צו ערציילן, טויזנט מייַלן איז ווערט צו פֿאָרן אבי צו הערן זאָלכע סודות התּורה, און איטלעכער בעזונדער האָט אַזוי געזאָגט, ווייַל איינער האָט זיך געשעמט פֿאַר דעם אַנדערן. און אויב עס האָט זיך דאָרט בייַם

טיש געפֿונען עטלעכע וואָס זענען באמת געווען לומדים און חכמים און האָבן פֿערשטאַנען אַז ער אַ וווּטעק, אַ פּראָסטער זולל־וסובא, ער איז ווערט מען זאָל אים הענגט מיט פֿיס צוברעכן, זאָ האָבן זיי אויך געמוזט שווייַגן און האָבן געמוזט זאָגן דאָס זאָלכע תּורות האָבן זיי נאָך ניט געהערט זייַט זיי לעבן, און האָבן געמוזט קומען צו פֿאָרן. דען ווען איינער מעכט ח״ו עפּעס רעדן איין וואָרט, מעכט ער געהייסן אַפּיקורס, און ער מעכט ניט זיכער געווען מיט זייַן לעבן פֿאַר די געמיינע מענטשן וואָס האָבן אָן אים געגלויבט אַזוי ווי די פּויערן האָבן געגלויבט, אַז ער איז אַ פּאָד פּאַן באָג. און וואָס אַ מאָל איז זייַן שם גרעסער געוואָרן. בקיצור, עס זענען געקומען צו פֿאָרן מענטשן פֿון אַלע עקן וועלט, און **(39)** מען האָט געשיט מיט געלט ווי מיט זאַמד, און יעדער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גליק ער האָט זוכה געווען דאָס דער רבי האָט פֿון אים אַ פּדיון גענומען.

די שׂרים מיט די פּויערן, בפרט זייַן אייגענער שׂררה, האָבן אַלע וואָך געשיקט פֿון אַלעם גוטן. בקיצור, ר׳ שׂימחה איז זיך געזעסן בכבודו של עולם און האָט געפֿרעסן ווי זולל־וסובא. אַ לאַנגע צייַט איז ער זיך געזעסן במנוחה.

## דעם קעניגס פֿויגל אָדער שׂימחהס דריטן משפּט

אין אַ צייַט פֿון עטלעכע יאָר אַרום, ווי ר׳ שׂימחה האָט זיך אַזוי געלעבט במנוחה, אין גרויסן פֿערגעניגן, און זייַן שם האָט געקלונגען אין די לענג און אין די ברייט, זאָ האָט זיך בייַם מלכות פֿון דעם לאַנד פּאַסירט איין גרויס עסק, וואָס מען האָט זיך ניט געוווּסט קיין עצה צו געבן. האָט מען געשיקט נאָך אַלע מיניסטערס, זיי זאָלן קומען און קלערן און האַלטן איין עצה. זאָ האָט מען שׂימחהס שׂררה אויך גערופֿן צו דער סעסיע, דען ער וואַר אויך אַ מיניסטער. ווי דער שׂררה איז שוין דאָרט בייַם מלכות עטלעכע טאָג, און אַלע האָבן קיין עצה ניט געפֿונען, זאָ האָט זיך דער שׂררה דערמאָנט אָן ר׳ שׂימחהן.

דער שׂררה וואַר זייער בעקאַנט מיט דעם מלכות, דען זיי האָבן באַנאַנד געלערנט אין די קלאַסן און האָבן זיך פֿון קינדהייט ביז הײַטע געהאַלטן זייער פֿרײַנדלעך. זאָ זאָגט דער שׂררה צום מלכות: „אדוני מלך, מיר זענען שוין געהאָלפֿן! מיר ברויכן זיך ניט צו ברעכן די קעפּ וועגן איין עצה: איך האָב אין מײַן שטאָט וווינען איין מענטש, דער איז אַ ריינער מלאך. ער ווייס אַלץ פּונקט גענוי ווי גאָט זעלבסט. לאָז מען נאָך אים שיקן! ער ווירד אונדז באַלד העלפֿן.

דער מלך וואַר אָבער איין גרויסער חכם. ער האָט ניט געגלויבט אין זאָלכע נאַרישע בײַקעס. זאָ האָט דער מלך אָנגעהויבן זייער שטאַרק צו לאַכן און האָט געזאָגט צום שׂררה: „ווען איך מעכט דיך ניט געקענט פֿאַר אַ גרויסן חכם, מעכט איך מיך ניט וווּנדערן אַז דו רעדסט זאָלכעס נאַרישקייט.

זאָ ענטפֿערט דער שׂררה: „אדוני מלך! דו קענסט מיך יאָ פֿון קינדהייט און ווייסט גוט אַז איך בין זייער פֿיל ווייניקער גלויבער אָן זאָלכע זאַכן ווי דו, און ווען טויזנט מענטשן מעכטן מיר זאָלכעס ערציילט מעכט איך אויך ניט גלויבן. אָבער זאָלכעס **(40)** וואָס איך האָב זעלבסט געזען מיט מײַנע אויגן, פֿאַר וואָס זאָל איך ניט גלויבן?״ און ער האָט דערציילט די גאַנצע מעשׂה פֿון דעם פֿערד און פֿון דעם קעסטל, און אַלע זענען געבליבן פֿערווּוּנדערט. און נאָך עטלעכע מיניסטערס האָבן אויך געזאָגט: „מיר האָבן אויך געהערט פֿון דעם מאַן דאָס ער איז זייער גרויס און קען זייער פֿיל.״ נאָר דער מלך האָט דאָך ניט געגלויבט.

זאָ האָבן זיך אַלע מישבֿ געווען מיט די עצה פֿון מלך און האָבן געזאָגט: „וואָס וועט דען דאָס שאַטן ווען מען וועט נאָך אים שיקן? אונדזערע עצה וואָס מיר ברויכן וועט מען אים זאָ ווי זאָ ניט פֿרעגן, דען עס נוצט ניט אַז אַ ייִד אַ ציווילנע מענטש זאָל וויסן פֿון אונדזערע סודות, נאָר מיר וועלן זיך איבערצײַגן אויב עס איז וואָר דאָס ער ווייס עפּעס.

זאָ זאָגט דער מלך:„לאָז מען שרײַבן דאָס ער זאָל ווי אַם געשווינדסטן קומען צו פֿאָרן.״ זאָגט דער שׂררה: „ווי מיינסט דו ער איז אַזוי אַ מענטש ווי אונדז? נאָך אים מוז מען שיקן דײַן קעניגלעכע קאָטש מיט דײַן מוזיק און עטלעכע גרויסע גענעראַלן, און איך זעלבסט וועל אויך מיטפֿאָרן, וועל איך אים זייער בעטן ער זאָל מיר צוליב טאָן און קומען צו פֿאָרן.״

מען האָט אַזוי געטאָן: עס זענען אַוועקגעפּאָרן עטלעכע הערלעכע קאַטשן מיט די גרעסטע גענעראַלן, און דער בן־מלך מיט דעם שׂררה זענען געזעסן אין די קעניגלעכע קאָטש און זענען אַהינגעקומען. ווי דאָס שטעטל האָבן ערזען די קעניגלעכע קאָטש מיט די איבריקע קאָטשן מיט די אַלע גרויסע לייַט, האָבן זיך אַלע זייער פֿערווּוּנדערט, וואַהין זיי קענען פֿאָרן. ווי פֿאַרווּוּנדערט זענען זיי אָבער געבליבן אַז זיי האָבן געזען דאָס די אַלע קאָטשן פֿאָרן פֿאַר דעם הויז פֿון ר׳ שׂימחה פלאַכטע, און אַלע גענעראַלן מיט דעם בן־מלך און מיט זייער שׂררה גייען אַריַין צו שׂימחהן. זיי האָבן געלאַכט און אויך געפּלאַצט, און רעדן טאָר מען ניט איין וואָרט.

ווי די געסט זענען אַרייַנגעקומען מיט גרויס דרך־ארץ, זאָגט דער שׂררה צו זייַן פּאָד פּאַן באָג: „זעסט דו, ווי טריַי איך בין דיר? איך וויל דיך מאַכן פֿיל גליקלעכער, ווי איך בין. איך בין דאָס אָבער ניט אין שטאַנד, דען איך בין דאָך נאָר בלויז אַ שׂררה. זעסט דו, איך האָב דיך אָבער זייער גרויס געמאַכט בייַם מלכות, און אַז דו וועסט דאָרט טרעפֿן וואָס מען ווירד דיך **(41)** פֿרעגן, זאָ וועט דיך דער מלך גליקלעך מאַכן, און לכּבוד דיר האָט מען נאָך דיר געשיקט די קעניגלעכע קאָטש מיט אַלע גרעסטע גענעראַלן.״

ווי שׂימחה האָט דאָס געהערט, איז אים געוואָרן ביטער אין זייַן האַרץ. ער האָט זיך געטראַכט, „הלוואי מעכט דער שׂררה קראַנק געלעגן, אָדער דער טייַוול מעכט אים גענומען, איידער ער האָט מיך גרויס געמאַכט בייַם מלכות.״ און צום ווייַב האָט ער געזאָגט: „גאָט ווייס אויב איך וועל ניט ווידער ברויכן די שאָנגעס מיט די קאַנען, און אפֿשר וועל איך זיי שוין ניט קענען בעניצן, דען בייַ איין מלכות איז מען דאָך איַינגעשטעלט מיט דעם לעבן ווען מען ערקענט דעם מינדסטן שווינדל. ביטער ווי דער טויט.״

עס העלפֿט אַלץ ניט: יאָ גערן, ניט גערן, מוז מען זיך מאַכן איין האַרץ ווי אַ שטיין און מען מוז פֿאָרן. בקיצור, מען איז געפֿאָרן, מען איז אַהינגעקומען, מען האָט אים אָנגענומען מיט גרויס כּבוד, מען האָט אים געשיקט אין אַ ייִדיש גאַסטהויז, אויף די העכסטע אָרט אים געהייסן בעהאַנדלען, אויף קעניגלעכע קאָסטן. דען ער קען דאָך אין קעניגלעכן הויף ניט עסן, מען האָט פֿאַר אים געמאַכט איין הערלעך מיטאָג ווי פֿאַר איין מלכות. ער האָט באמת ניט געקענט עסן. זייַן מויל מיט

זײַן האַרץ וואַרן אים פֿערשלאָסן, דען ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט זײַן שוואַרצן סוף וואָס ער וועט דאָ האָבן. נאָר אָבער ווײַל מען האָט אים זאָ זייער אָנגעהאַלטן און געבעטן, זאָ האָט ער מיט גוואַלד עפּעס געגעסן.

דורך די צײַט ווײַל ער האָט דאָ געגעסן, האָט דער סאַנאַט מיט אַלע מיניסטערס געקלערט וואָס מען זאָל אים פֿרעגן. האָבן זיי אויף די געשווינד ניט געקענט ערקלערן. זאָ איז געפֿאַלן איין עצה מען זאָל אים לאָזן אין גאַסטהויז דרײַ טאָג, און דורך די דרײַ טאָג וועט מען שוין עטוואָס ערקלערן וואָס מען זאָל אים פֿרעגן. זאָ האָט מען נאָך מיטאָג געשיקט נאָך דעם ר׳ שׂימחה אין קעניגלעכן הויף צו קומען. און דער קעניג מיט דעם גאַנצן סאַנאַט האָבן צו אים מיט גרויס כּבוד אַזוי געזאָגט: „ליבער הייליקער מאַן, מיר בעטן אײַך מיט גרויס כּבוד דאָס איר זאָלט בלײַבן אין גאַסטהויז דרײַ טאָג. אין דריטן טאָג ווירד מען נאָך אײַך שיקן, און אַז איר וועט צוטרעפֿן די פֿערבאָרגענע זאַך וואָס מיר ווען אײַך פֿרעגן, זאָ ווירד איר גליקלעך זײַן אויף אייביק, **(42)** מיט קינדער און מיט קינדסקינדער.״ ער האָט געזאָגט: „גוט.״ מען האָט אים מיט גרויס כּבוד געפֿירט אין גאַסטהויז אַרײַן, און מיט קעניגליכן בעפֿעל האָט מען געהייסן דעם גאַסטהײַזער מען זאָל דעם גאַסט בעהאַנדלען ווי איין מלכות און געבן אַלץ וואָס ער וועט נאָר פֿערלאַנגען, דער קעניג וועט אַלץ גוט בעצאָלן.

דער גאַסטהײַזער האָט אַזוי געטאָן. מען האָט דעם אורח מיט די ווײַסע יופּעצע אַרײַנגעזעצט אין איין בעזונדער פּאָקוי זייער הערלעך, און מען האָט אָנגעגרייט פֿאַר זײַנעט וועגן מעדנים ווי פֿאַר אַ מלכות. נאָר אָבער די גאַל האָט אים נעבעך געפּלאַצט פֿאַר גרויסע צרות, דען באמת איז ער דאָך געוועזן דער צעכמיינסטער פֿון אַלע זולל און סובאס און דער גרעסטער בערימטער קינסטלער פֿון אַלע גערימטע פֿרעסערס. יעצט אָבער איז אים זײַן האַרץ פֿערשלאָסן געוואָרן, ביטער און זויער איז אים געוועזן אַז ער האָט זיך דערמאָנט פֿון דעם דריטן טאָג, אַז מען וועט אים רופֿן צום מלך. דאָס איצטיקע מאָל איז די טויטשרעק פֿיל גרעסער געוועזן ווי דענצמאָל בײַם קעסטל פֿון שׂררה. דען איין שׂררה איז דאָך ניט קיין מלכות, אָבער בײַ איין מלכות קען ער דאָך גאַנץ געשווינד זײַן לעבן פֿערלירן ווען עס ווירד זיך אויסווײַזן דאָס ער איז נאָר אַ פּראָסטער פֿרעסער און מאַכט צו נאַר אַ מלך מיט אַ גאַנצן סאַנאַט. בקיצור, ער האָט די גאַנצע צײַט ניט געגעסן, ניט געטרונקן און ניט געשלאָפֿן, נאָר איז אין זײַן פּאָקוי געגאַנגען אַהין און אַהער. און אַלע טאָג האָט מען פֿון מלכות געשיקט נאָך דעם גאַסטהײַזער און מען האָט אים אויסגעפֿרעגט אויב ער בעהאַנדלט דעם גאַסט

גוט. האָט דער גאַסטהײַזער געזאָגט דעם גאַנצן אמת דאָס מען האָט פֿאַר אים אָנגעגרייט מעדני־מלך, נאָר ער האָט נאָך די גאַנצע צײַט ניט אין זײַן מויל געהאַט דאָס מינדסטע: ער פֿאַסט, ער עסט ניט און טרינקט ניט און שלאָפֿט ניט.

ווי זיי האָבן דאָס געהערט און דער שׂררה האָט אויך ערצייל דאָס בײַ זײַן קעסטל האָט ער אויך דרײַ טאָג און דרײַ נעכט ניט געגעסן, זאָ האָבן זיי שוין אָנגעהויבן אַ ביסל צו גלויבן דאָס ער מוז זײַן אַ גרויסער מאַן און ער וועט געוויס וויסן וואָס מען וועט אים פֿרעגן. אַלזאָ האָט מען אָנגעהויבן צו קלערן וואָס מען זאָל אים פֿרעגן דאָס מיר זאָלן זיך דאָך ריכטיק ערוויסן אויב ער ווירקלעך איין הימלישער גײַסט איז.

**(43)** פֿון אַלע מיניסטערס איז אויסגעקליבן געוואָרן דער אַלערפֿאָרנעמסטער מיניסטער דאָס ער זאָל טראַכטן און אויסקלערן איין עצה וואָס מען זאָל פֿרעגן, דען דער מיניסטער וואַר באמת דער גאַנץ גרויסער חכם. זאָ האָט ער אַזוי געזאָגט: „מײַן עצה איז דאָס וועגן אונדזער עסק פֿון דעם סוד מלוכה וואָס מיר האָבן צו טראַכטן, דאָס זאָלן מיר אים גאָר ניט פֿרעגן, דען זאָ איין זאַך וואָס רירט אָן צו די מלוכה טויג ניט פֿאַר קיין מענטש מגלה צו זײַן, דען ממה־נפֿשך, איז ער אַ פּראָסטער מענטש ווי אַלע מענטשן, וועט ער דאָך געוויס ניט וויסן אונדז צו העלפֿן צו אונדזער זאַך. איז ער אָבער יאָ איין גרויסער חכם, זאָ טויג אויך ניט אַז איין ציווילנע מענטש זאָל וויסן פון אונדזערע פערבאָרגענע סודות. אַלזאָ פון אטנדזער זאָך זאָל מען אים גאָר ניט פרעגן און אויך ניט איין וואָרט רעדן דערפֿאָן, נאָר מיר זאָלן קלערן עפּעס אַנדערש אים צו פֿרעגן דאָס מיר זאָלן זיך איבערצײַגן וואָס אין אים שטעקט.

די עצה איז וויל געפֿעלן דעם מלך מיט דעם גאַנצן סאַנאַט. יעצט מוז מען קלערן, וואָס מען זאָל אים פֿרעגן. זאָ זאָגט דער זעלבער מיניסטער, דער חכם: „איר זאָלט וויסן, דאָס ווען ער איז אַ חכם, זאָ ווירד ער די שווערסטע זאַך אויך צוטרעפֿן, דען איין ריכטיקער חכם קען צוטרעפֿן די גרעסטע חכמה, אָבער קיין נאַרישקייט קען קיין חכם ניט טרעפֿן, און איין נאַר קען קיין חכמה ניט טרעפֿן, נאָר בלויסע נאַרישקייטן. נאָר די חכמה איז אין צוויי חלקים: איין חכמה איז וואָס דער מענטש האָט אויסגעאַרבעט פֿון זיך זעלבסט, דאָס הייסט חכמה טבעית, נאַטירלעכע חכמה. און איין חכמה איז פֿאַראַן וואָס מען גיבט דעם מענטש חכמה פֿון הימל, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן

(ד׳ נתן חכמה לשלמה), דער אייבערשטער האָט געגעבן חכמה צו שלמה המלך ע״ה. דאָס הייסט חכמה אלוהית, די געטלעכע חכמה. אַלסדאַן, דער חכם איז פֿון זיך זעלבערט קלוג דער קען איין חכמה-זאַך צוטרעפֿן, אָבער איין נאַרישקייט קען ער קיינמאָל ניט צוטרעפֿן. אָבער דער חכם וואָס מען האָט אים געגעבן חכמה פֿון הימל, דער קען אַלץ צוטרעפֿן, הן איין חכמה און הן איין נאַרישקייט איז ביַי אים אַלץ איינס, דען מען איז אים דאָך אַלץ מגלה פֿון הימל וואָס ער וויל און וואָס ער ברויך.

אַלזאָ לאָזן מיר אים פֿרעגן איין נאַרישקייט, וואָס ער וועט **(44)** זיך גאָר ניט ריכטן, און אַז ער וועט דאָס טרעפֿן וועלן מיר וויסן דאָס ער איז איין ריכטיקער חכם וואָס מען גיבט אים חכמה פֿון הימל, און ער איז אַ הימל-מענטש און איז אין הימל גאַנץ גרויס. און אַז עס ווירד זיך אויסוויַיזן אַז ער איז באמת אַ חכם פֿון הימל-חכמה, זאָ זאָלן מיר אים גרויס כּבוד אָנטאָן און גרויסע מתּנות שענקען, דען ער קען אַ מאָל אונדז אויס די גרעסטע נויט אַרויסהעלפֿן און פֿון אַלעס שלעכטן בעשירמען.

דער מלך מיט דעם גאַנצן סאַנאַט האָבן אויף די עצה מסכּים געווען. יעצט מוז מען קלערן וואָס מען זאָל אים פֿרעגן דאָס ער זאָל זיך ניט ריכטן. יעדער האָט איין אַנדערע עצה געגעבן און האָט קיינעם ניט געפֿעלן.

דאָרט ביַים מלך אין די שטוב ווּ די מיניסטערס זענען געזעסן און געקלערט איז געווען אין די וואַנד פֿון די מויער איין פֿראַמאַרקע. דאָס איז איין פֿירעקיק לאָך אין די וואַנד מען זאָל קענען עפּעס אַריַינשטעלן. און די פֿראַמאַרקע וואַר מיט אַ שיין טירל פֿערשלאָסן. און ניט וויַיט פֿון די פֿראַמאַרקע האָט געהאַנגען אַ שטיַיגל מיט איין פֿויגל. זאָ איז געפֿאַלן די עצה מען זאָל אין די פֿראַמאַרקע אַריַינשטעלן עסן און טרינקן פֿאַר דעם פֿויגל אויף צוויי טאָג, און מען זאָל דעם פֿויגל אַרויסנעמען פֿון דעם שטיַיגל און אַריַינזעצן אין די פֿראַמאַרקע און פֿערשליסן דאָס טירל און דאָס שטיַיגל אַרויסנעמען פֿון דער שטוב מען זאָל גאָר ניט וויסן אויב עס איז דאָ געווען אַ פֿויגל. און מען ווירד אים פֿרעגן וואָס דאָ ביַי אונדז האָט זיך פּאַסירט. און אַז ער וועט דאָס טרעפֿן, זאָ וועלן מיר וויסן דאָס זיַין חכמה איז פֿון הימל און ער איז גאַנץ גרויס.״

די עצה האָט אַלע זייער גוט געפֿעלן. מען האָט אַזוי געטאָן: מען האָט דעם פֿויגל אַרויסגענומען פֿון שטייַגל און אַרייַנגעזעצט אין די פֿראַמאַרקע. און ווי מען האָט געוואָלט דאָס טירל צושליסן איז דער פֿויגל אַרויסגעפֿלויגן. מען האָט אים אַרומגעיאָגט ביז מען האָט אים געכאַפּט, און מען האָט אים דאָס צווייטע מאָל אַרייַנגעזעצט אין די זעלבע פֿראַמאַרקע. און ער איז דאָס צווייטע מאָל אויך אַרויסגעפֿלויגן. מען האָט אים ווידער אַרומגעיאָגט ביז מען האָט אים ווידער געכאַפּט. דאָס דריטע מאָל האָט אים דער מלך זעלבסט גאַנץ פֿעסט געהאַלטן דאָס ער האָט שוין ניט (**45**) געקענט אַרויספֿליען, און מען האָט אים פֿערשלאָסן און אַלע מיניסטערס האָבן געמוזט שווערן דאָס קיינער זאָל זיך ניט וויסן מאַכן דאָס עס זאָל בלייַבן בסוד גדול.

יעצט, מייַן ליבער לעזער, וועלן מיר גיין צו ר׳ שׂימחהן געוואָר ווערן וואָס ער מאַכט. ער איז נעבעך געזעסן אין גרויסע צרות, ניט געגעסן, ניט געטרונקן, ניט געשלאָפֿן, און זייַן אָקסנקאָפּ איז שוין באַלד געוועזן אויסגעטריקנט פֿון פֿיל קלערן. ווי עס איז שוין געקומען די לעצטע נאַכט וואָס ער האָט געוווּסט דאָס מאָרגן ווירד זייַן זייַן יום־הדין, זאָ האָט ער די נאַכט געשפּירט טעם טויט.

דאָך האָט ער זיך מיישב געוועזן, „איך וועל זאָגן די גאַנצע וואָרהייט דאָס יענע צווי מאָל האָט עס מיר געראָטן, און דאָס דריטע מאָל, פֿאַר דעם מלך, האָט עס מיר שוין ניט געראָטן. און איך וועל דערציילן דעם גאַנצן אמת דאָס איך בין באמת איין פּראָסטער מענטש, און פֿאַר די וואָרהייט וועט מען מיך דאָך ניט אומברענגען. און מייַן שׂרה וועט מיר אַלץ אַוועקנעמען וואָס ער האָט מיר געגעבן. זאָ וועל איך וואַסער טראָגן און וועל דאָך בלייַבן לעבן. און אַז איך וועל ניט זאָגן די וואָרהייט און וועל מאַכן מיט דעם שמים־פּנים דעם גנבישן שווינדל דאָס איך בין אַ רבי און עס וועט זיך אויסווייַזן אַז איך ווייס אַ קרענק, און איך וועל בלייַבן אַ ליגנער, זאָ בין איך געוויס ניט זיכער מיט מייַן לעבן. גוט, די עצה האָט ר׳ שמחהן זייער געפֿעלן, דען באמת האָט ער דאָך קיין אַנדער עצה ניט געהאַט.

מאָרגן פֿרי, דעם דריטן טאָג, האָט ער גאַנץ פֿרי אָנגעדאַוועט און איז געגאַנגען אין די ווייַסע יופּעצע, אין דעם טלית און תּפילין, אין דעם גרויסן ספּאָדעק ווי אַ וואָלקנבראָך אויף זייַן קאָפּ, און האָט אויסגעזען ווי איין ענגלישער סורר־ומורה.

פלוצלינג זענען אַרײַנגעקומען די גרויסע מענער פֿון מלך. ווי זיי האָבן אים ערזען אין די קליידער האָבן זיי זיך ערשראָקן ווי פֿאַר דעם מלאך-דומה. זיי האָבן געוואַרט ביז ער האָט אָפּגעלייגט טלית ותּפילין און האָבן אים מיט גרויס כּבוד געבעטן ער זאָל מיט זיי מיטגיין, דען דער מלך מיט אַלע מיניסטערס ערוואַרטן אים מיט גרויס כּבוד. ער איז מיט זיי געגאַנגען און האָט זיך געמאַכט אַ חשק עס זאָל אויסזען דאָס **(46)** ער גייט מיט חשק אַהין. אויף דעם פּנים האָט עס אויסגעזען אַז ער גייט מיט חשק אָבער אינווייניק האָט אים געפּלאַצט דער ווייסעט. ער איז אַהינגעקומען, דער מלך מיט אַלע מיניסטערס זענען שוין גרייטגעזעסן און אויף אים געוואַרט.

ווי ער איז גאָר אַרײַנגעקומען האָט ער ניט געוואַרט ביז זיי וועלן אים פֿרעגן נאָר ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו זאָגן די ריכטיקע וואָרהייט און האָט אַזוי געזאָגט: „ליבע הערשאַפֿטן, עטץ ברויכט מיך גאָר ניט צו פֿרעגן. דאָס ערשטע מאָל האָט עס דעם פֿויגל געגראָטן דאָס ער איז פֿרײַ געפֿלויגן, און דאָס צווייטע מאָל האָט עס אים אויך געגראָטן אָבער דאָס דריטע מאָל פֿון מלכס האַנט איז ער שוין פֿעסט געפֿאַנגען געוואָרן, און עס האָט אים שוין ניט געגראָטן. דאָס האָט ער געמיינט זיך זעלבערט: דאָס ערשטע מאָל מיט דעם פֿערד אין וואַלד האָט עס אים געגראָטן, דאָס צווייטע מאָל אין דאָרף מיט דעם קעסטל דימאַנטן האָט עס אים אויך געגראָטן, נאָר יעצט, דאָס דריטע מאָל, אין מלכס האַנט, איז ער געפֿאַנגען געוואָרן, און עס האָט אים ניט געגראָטן.

דער מלך אָבער מיט די מיניסטערס האָבן דאָך ניט געוווּסט וואָס דער נאַר האָט אין זײַן זין און וואָס ער מיינט. ווי זיי האָבן נאָר געהערט די ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט דאָס צווייטע מאָל האָט עס דעם פֿויגל געגראָטן און דאָס דריטע מאָל פֿון מלכס האַנט איז דער פֿויגל געפֿאַנגען געוואָרן, עס האָט אים שוין דאָס דריטע מאָל ניט געגראָטן, האָבן זיי געמיינט דאָס ער האָט צוגעטראָפֿן זייער סוד, און איידער ער האָט אויסגערעדט דאָס וואָרט איז געוואָרן אַ גרויס געפּאַטש און אַ גרויס געשרײַ: „וויוואַט! וויוואַט!״, און אַלע זענען געבליבן זייער פֿערווּנדערט און זענען אַלע געפֿאַלן כּורעים ומשתחווים פֿאַר גאָטס חכם, דען עס האָט דאָך בײַ זיי געהייסן דאָס ער האָט זײַן חכמה פֿון גאָט, אַזוי ווי, להבדיל, שלמה המלך ע״ה. ווי ער האָט דאָס געהערט און געזען איז ער שוין קלוג געוואָרן און האָט שוין מער ניט גערעדט איין וואָרט נאָר איז געבליבן שטיל ווי די וואַנד.

# מכבד זײַן דעם פּאָד פּאַן באָג

און פֿאַר גרויס פֿרייד און גרויסע װוּנדער האָבן זיי ניט געוווּסט וואָס פֿאַר איין כּבוד זיי זאָלן אים אָנטאָן. און ווײַל זיי האָבן געוווּסט דאָס ער האָט שוין דרײַ טאָג ניט געגעסן האָבן זיי אים ניט געוואָלט אויפֿהאַלטן נאָר אַלע האָבן אים מיט גרויס כּבוד בעגלייט ביז אין גאַסטהויז, און מען **(47)** האָט פֿון מלכות באַלד אַהערגעשיקט די גרויסע מוזיק, און מען האָט געשפּילט לכּבוד דעם פּאָד פּאַן באָג. און מען האָט געמאַכט גרויסע לימינאַציע אין די שטאָט: אַלע פֿענצטער און אַלע גאַסן האָבן געלויכטן פֿון ליכט און פֿון לאָמפּן, אַלץ לכּבוד דעם הימל-מענטש. און דער שׂררה איז געוואָרן גרויס עד־לב־השמים.

דער מלך מיט אַלע מיניסטערס האָבן אים געקושט און געהאַלדזט, דען דורך אים האָבן זיי דאָך זוכה געווען צו קענען דעם הייליקן מאַן און צו זען די גרויסע װוּנדער. אויך די מלכּה האָט דאָס אַלץ געהערט. זאָ האָט זי געבעטן דעם מלך ער זאָל דעם הייליקן מאַן בעטן ער זאָל נאָך איינמאָל קומען אין קעניגלעכן פּאַלאַץ דאָס זי זאָל אויך זוכה זײַן אים צו זען און כּבוד אָנצוטאָן. דער מלך וואַר ניט דרייסט צו רעדן צו דעם מלאך קרום, נאָר דער שׂררה האָט אים געבעטן, און ווי דער שׂררה איז צוריקגעקומען צו די מלכּה מיט די גוטע בשורה דאָס דער הייליקער מאַן וועט קומען, זאָ איז די מלכּה מיט די אַלע גרויסע דאַמען, זייער הערלעך פֿערקליידט, אַקעגנגעגאַנגען. און אַ גאַנצן וועג אויסגעשפּרייט מיט רויזנבלומען און מיט גרויס כּבוד ענטפֿאַנגען אין קעניגלעכן פּאַלאַץ. און יעדע דאַמע האָט זיך גענייגט, און זיי האָבן אים בעוואָרפֿן מיט גרויסע מתּנות, און דער מלך מיט אַלע גרויסע לײַט האָבן אים בעשענקט מיט זייער גרויסע, הערלעכע מתּנות.

ר׳ שׂימחה איז עקסטראַ געגאַנגען אין שול אַרײַן, און דער מלך מיט אַלע גרויסע לײַט זענען מיטגעגאַנגען, און שׂימחה האָט געהייסן מאַכן דעם מלך אַ מי־שברך. אַלע ייִדן זענען צונאַנדגעקומען לכּבוד דעם מלך, און דער מלך האָט די ייִדן זייער שיין אַנטפֿאַנגען און האָט אַ גרויסע נדבה געשענקט אויף די שול און אויף די אָרעמע־לײַט. מיט גרויס כּבוד זענען זיי צוריקגעגאַנגען אין קעניגס-הויף, און אַלע ייִדן האָבן זיי באַגלייט מיט גרויס כּבוד, און אַלע האָבן געשריגן: „אונדזער מלך מיט די מלכּה מיט זייערע קינדער זאָלן לעבן און זאָלן גליקלעך זײַן!״

ווי זיי זײַנען געקומען פֿאַר דעם פּאַלאַץ, זאָ זענען שוין געשטאַנען זייער פֿיל קאָטשן אײַנגעשפּאַנט, און פֿאַר ר׳ שׂימחהן איז געווען גרייט דעם מלכס קאָטש, און זי וואַר פֿיל בעלאָדן מיט גאָלד, זילבער, געלט און זייער טײַערע מתּנות. און דער מלך מיט די מלכּה האָבן זיי אַ ביסל באַגלייט און געווונטשן (**48**) אַ גליקלעכע רײַזע. און איידער דער מלך האָט זיך מיט ר׳ שׂימחהן געזעגנט, האָט דער מלך צו אים אַזוי געזאָגט: „דאָס אַלץ וואָס איך האָב דיר געגעבן דאָס איז נאָר דערוויַל. קערצלעך אָבער וועל איך דיר שיקן דאָס דו מיט קינדסקינדער וועלן האָבן גענוג און איך וועל זאָרגן פֿאַר דיר ווי אַ טאַטע פֿאַר זײַן אייגן קינד.״ אויך פֿיל ייִדן זענען געקומען און האָבן אַרײַנגעוואָרפֿן אין די קאָטש קוויטלעך מיט פּדיונים, און ער האָט אַלץ צוגענומען. און צו וועלכן ער האָט געגעבן אַ שאָקל מיט דעם קאָפּ, דער האָט געמיינט אַז ער פֿליט אין זיבעטן הימל אַרײַן.

דער שׂררה מיט דעם בן־מלך מיט ר׳ שׂימחהן זענען געזעסן אין קעניגס קאָטש, און די איבריקע גרויסע לײַט זענען געזעסן אין אַנדערע קאָטשן, און זייער פֿיל קאָטשן מיט גרויסע לײַט זענען מיטגעפֿאָרן. ווי ר׳ שׂימחה מיט די אַלע גרויסע מענער זענען שוין ניט ווײַט געווען פֿון דער היים, נאָך איין מײַל אָדער צוויי מײַלן פֿון די שטאָט, זאָ זענען שוין די רײַטער מיט די מוזיק פֿאַרויסגעלאָפֿן און מען האָט פֿאַר ר׳ שׂימחהס טיר געמאַכט די גרויסע פּאַראַדע מיט מוזיק לכּבוד די מאַדאַם שׂימחהן. און מען האָט איר אָפּגעגעבן די נאַכריכט דאָס איר ליבער מאַן קומט צו פֿאָרן און איין פֿרײַנדלעכן גרוס פֿון די קעניגין און פֿון אַלע גרויסע דאַמען און אַ פֿרײַנדלעכן בריוו פֿון די קעניגין. מאַדאַם שׂימחה האָט דעם בריוו אויפֿגעמאַכט צו לעזן, זי האָט אַרײַנגעקוקט אין דעם בריוו ווי דער האָן אין בני־אדם און האָט זיך זייער בעדאַנקט.

און ווי די אַלע קאָטשן זענען שוין געקומען מיט ר׳ שׂימחהן, זאָ איז די גאַנצע שטאָט ייִדן געשטאַנען און האָבן דאָס געזען ווי דער שׂררה מיט דעם בן־מלך און נאָך עטלעכע גענעראַלן פֿירן ר׳ שׂימחהן אונטער דעם אָרעם און שטיין פֿאַר אים כּעבד-לפֿני-מלך. און די אַלע גרויסע מענער האָבן זיך דאָ אויפֿגעהאַלטן עטלעכע טאָג, און מען האָט געמאַכט גרויסע פּאַראַדעס און גרויסע פֿרייד אַלע טאָג. און זיי האָבן איבערגעלאָזט גרויסע מתּנות און האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט דעם צדיק און מיט די מאַדאַם און פֿאָרטגעפֿאָרן.

נאָך אין עטלעכע טאָג איז געשטאַנען פֿון קעניגס האַנט אין צײַטונג-בלאַט דאָס די גאַנצע וועלט זאָלן וויסן דאָס קיין גרעסערער הייליקער מאַן וואָס האָט די הייליקע חכמה פֿון הימל, איז ניט **(49)** פֿאַראַן ווי דער גרויסער גאון ר׳ שׂימחה. און ווער עס ווירד ח״ו עטוואַס טון אָדער רעדן ח"ו אויף זײַן הייליקן כּבוד, דער איז חייבֿ־מיתה. און אַלע וואָך און אַלע חודש האָט מען אים געשיקט פֿון מלכות־הויף געלט מיט מתּנות כּיד המלך. בקיצור, זײַן שם איז געגאַנגען מסוף עולם ועד סופו, אַזוי צווישן פֿרעמדע פֿעלקער און אַזוי צווישן ייִדן. עס זענען טאָג־טעגלעך געקומען צו פֿאָרן מענטשן פֿון אַלע עקן וועלט. און צווישן הונדערט קראַנקע, ווען אפֿילו נײַן און נײַנציק זענען געשטאָרבן און איינער איז לעבן געבליבן, האָט מען ניט געדענקט פון די וואָס זענען געשטאָרבן, נאָר פון דעם איינעם וואָס איז לעבן געבליבן. און עס האָט געקלונגען אין **די** וועלט דאָס דער רבי האָט איינעם בײַם לעבן ערהאַלטן. און אַזוי האָט זיך די גאַנצע וועלט גענאַרט אָן דעם גראָבן יונג. און אפֿילו לומדים חכמים האָבן זיך אויך גענאַרט און זענען געפֿאָרן און האָבן געגלויבט אָן דעם זולל־וסובֿא ווי, להבדיל, אָן אַ ריכטיקן נביא. און דער שווינדל האָט די גאַנצע וועלט פֿערבלענדט, און מען האָט געמוזט לאַנג וואַרטן אונטער זײַן טיר איידער מען האָט זוכה געווען אַרײַנצוקומען. און דער שם איז געגאַנגען דאָס ער פֿאַסט משבת לשבת, דען מען האָט אים ניט געזען עסן. נאָר באמת האָט ער טאַקע ניט געגעסן, נאָר געפֿרעסן ווי אַ בלינד פֿערד. נאָר עס איז געווען מיט גרויס חכמה, עס האָט קיין שום מענטש פֿון דעם ניט געוווּסט, נאָר זײַן ווײַב, און זי האָט דאָס אַלץ אַרײַנגעברענגט אין זײַן שטיבל דאָס קיין מענטש זאָל ניט וויסן. און צווישן מענטשן האָט זי געשריגן גוואַלד, איר מאַן עסט גאָרניט.

און עס זענען אויך געקומען צו פֿאָרן גרויסע לײַט, רבנים, גוטע ייִדן, (אויך זאָלכע גוטע ייִדן ווי ער), לומדים, אפֿילו זאָלכע וואָס האָבן פֿערשטאַנען די גנבֿה מיט דעם שווינדל זענען אויך געקומען, דען אין יעדע שטאָט וואַר איין חסידים־שטיבל, עס האָט געהייסן „דאָס שטיבל פֿון הייליקן ר׳ שמעון הצדיק״, און די בעלי־קבלה האָבן געזאָגט על־פּי סוד אַז ר׳ שׂימחה פּלאַכטע איז דער גלגול פֿון שמעון הצדיק ע״ה, וואָרום דאָס וואָרט „פּלאַכטע״ איז בגימטריה מיט דעם וואָרט „הצדיק״. און ווער עס איז ניט געגאַנגען אין דעם שטיבל, און ווער עס איז ניט געפֿאָרן צו אים, דער איז ניט געהאַלטן געוואָרן פֿאַר איין אָרנטלעכן מענטש. דאַדורך האָבן לומדים און חכמים אויך בעל־כּרחו געמוזט פֿאָרן. און אַז **(50)** עס האָט זיך געטראָפֿן אַ מענטש אַ חכם, וואָס האָט דעם שווינדל פֿערשטאַנען און האָט געשריגן דעם ריכטיקן אמת, אַז די וועלט איז משוגע, אַז מען פֿאָרט צו אַזוי איין זולל־וסובא, צו אַזוי איין גראָבן וווּטעק וואָס גענאַרט גאָט מיט די וועלט, און

מען גלויבט אָן אַזוי אַ גנבֿ, אַ ליגנער וואָס ווייס ניט קיין חילוק צווישן ארור המן לברוך מרדכי, זאָ האָבן אַלע זייַנע חסידים געשריגן: „דער מענטש איז איין אַפּיקורוס! ער וועט ניט האָבן קיין חלק לעולם הבא, ווייַל ער האָט ניט אמונת חכמים.״

זאָ האָט איין אַנדערער חכם געזאָגט צו דעם חכם: „הער מיך צו ליבער ברודער! איך פֿאַרשטיי דעם שווינדל פֿון דעם קדוש און דאָס משוגעת פֿון **די** וועלט אַזוי גוט ווי דו, דען איך האָב מיר דאָס גוט איבערלייגט דאָס ווען אַ מענטש מיט פֿערשטאַנד וואָס האָט אַ ריכטיקן שׂכל קומט אַרייַן צווישן משוגעים, טאָר ער ניט זאָגן, אַז זיי זענען משוגע. נאָר אַלץ, וואָס ער זעט, דאָס אַ משוגענער טוט, מוז ער זאָגן, עס איז זייער גוט. ווען אָבער ער זאָגט, דאָס זיי זענען משוגע, **זאָ** שרייַען זיי אויף אים: ׳דאָס איז אַ משוגענער׳, און מענכעס מאָל איז ער אויך ניט זיכער מיט זייַן לעבן. אַלסדאַן, מייַן ליבער פֿרייַנד, בלייַב רויק, און לאָז יעדעם נאָר ביַי זייַן נאַרישקייט, דען מיר וועלן ניט קענען אַ גאַנצע וועלט אַרומדרייען.״ זאָ האָט יענער אָפּגעענטפֿערט: „ביסט גערעכט, ליבער פֿרייַנד! איך וועל דיך פֿאָלגן.״ זאָ האָבן די צוויי חכמים צווישן זיך געהאַלטן איין עצה בסוד און זענען אויך געגאַנגען אין חסידים־שטיבל און צום רביס שלוש סעודות און געכאַפּט פֿון טעלער אַ שוואַנץ הערינג שירייים און געטרונקען לחיים, ער זאָל לעבן און האָבן אויך ערציילט פֿון אים, זאָל לעבן, גרויסע ווונדער, וואָס זיי האָבן ניט געזען און ניט געהערט. און ר׳ שׂמחה האָט וואָס אַ מאָל געזאָגט טיפֿערע תּורות.

אַ מאָל אַ שבת זענען געוועזן זייער פֿיל חסידים און דער גבאי האָט מיט אים אַ גאַנצע וואָך געלערנט די תּורה וואָס ער זאָל זאָגן אויף שבת. נאָר שׂימחה פּלאַכטע האָט דאָך אַ זכּרון ווי איין אַלטע קאַץ. עס איז געקומען צו די תּורה זאָגן זענען אַלע חסידים געשטאַנען גאַנץ שטיל זיי זאָלן זוכה זייַן צו הערן פֿון דעם פּה־קדוש די טיפֿע תּורות. העבט ער אָן מיט גרויס התלהבות, דען דאָס פֿייַער פֿון אָקוויט האָט אין אים געברענט, און מחמת התלהבֿות, האָט ער אַליינט אויפֿגעפֿרעסן די גאַנצע פֿיש מיט דעם גאַנצן (51) פֿלייש, וואָס מען האָט אים אַנידערגעשטעלט צו טיילן שירייים פֿאַר דעם גאַנצן עולם. דער עולם האָט זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן, נאָר יעדער האָט זיך געטראַכט, „ווער ווייס, וואָס פֿאַר אַ גרויסער סוד דאָס איז?״, און אַלע האָבן געלאָקערט מיט דאָרשט, צו הערן די דברי תּורה. זאָ עפֿנט ער זייַן מויל ווי בלעמס אייזל און זאָגט: „ווען חם האָט געהאַרגעט זייַן ברודער קין האָט פּוטיפֿאַר געבויט די תּיבֿה. אין דער תּיבֿה איז געוועזן בלעם הרשע, און נבוכדנצר, און יונה, יונה, יונה! די טויב איז אַוועקגעפֿלויגן און האָט אויף דעם רעכטן

פֿליגל מיטגעשלעפּט בלעם הרשע און מיט דעם לינקן פֿליגל דעם נבוכדנצר. בפעם הזאת דענסטמאָל האָט מלחמה געהאַלטן מלך אחשורוש מיט בלק בן־ציפּור. און ווייַל אין שושן האָבן די ישׂראל געגעסן אויף די סעודע פֿון בלק בן-ציפּור, איבער דעם איז אחשורוש געלאָפֿן אין די מדבר אַרייַן שעלטן די ישׂראל. ווי די טויב האָט געזען דאָס מען וויל די הייליקע ייִדן שעלטן, האָט זי פֿערשפּרייט איין פֿליגל אַזוי ווי עס שטייט: ׳יפרוש כנפיו׳... איז פֿון אונטער די פֿליגל אַפּירגעפֿאַלן איין האַרט אייזל, אַזוי ווי עס שטייט: חמור גורם. און בלעם איז אַראָפּגעשפּרונגען און האָט זיך געזעצט רייַטן אויף דעם אייזל: והוא רוכב על אתונו, און האָט געהאַרגעט אחשורושן. איז געקומען שמואל און האָט געהאַרגעט בלעמען ווייַל ער האָט חרוב געמאַכט דאָס בית ראשון. פֿון דעם איז געבוירען געוואָרן המן דער רשע וואָס האָט געהאָנגען מלך נבוכדנצרן אין לאַנד מצרים. און ווי קורח האָט שלום געמאַכט מיט המן איבער די מערת המכפּלה, וואָס יעקב האָט געקויפֿט פֿון שכם בן־חמור, איז געקומען אַ בת־קול: לא מעקצך ולא מדבשך. עס וועט ענק קיין חכמה ניט העלפֿן און קיין גבורה אויך ניט! עס שטייט אין די הייליקע גמרא: גם לי, גם לך לא יהיה. דאָס איז טייַטש: ווי איינער בעט זיך, אַזוי שלאָפֿט ער. ווידער געפֿינט מען: דוד המלך ע״ה האָט געזאָגט אין מגילת אסתר: המלאך הגואל אותי מכל רע יברך. דאָס איז טייַטש: אַז מען קעמט זיך ניט קריגט מען קאָלטענעס. און דער פּרוש של סוד זה איז, ווי עס שטייט אין פּסוק: אין מטבילין את הכּלים ואין מדליקין את הנרות. דאָס איז טייַטש: מען באַצאָלט יעדן מענטש ווי ער האָט זיך פֿערדינט. על כן משפּט אמת וצדק, ווייַל קורח האָט מבזה געווען דעם כּבוד פֿון די צוויי צדיקים דתן ואבירם און האָט זיך פֿאַר זיי ניט געוואָלט האַלטן נידעריק, **(52)** איז ער אַראָפּגעקומען למטה במדרגה התּחתונה, אָבער המן האָט מכבֿד געווען דעם צדיק מרדכי און האָט אים צו ליב געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט, פּונקט וואָס מרדכי האָט זיך געוווּנטשן. האָט דער צדיק בן־המדתא זוכה געווען ער זאָל עולה זייַן לעליה במעלה עליונה. האַ, האַ, האַ. איך מיט ענק אַלע מייַנע חסידים זאָלן מיר אויך זוכה זייַן צו אַזאָלכע הויכע עליה. זאָגט אַלע אמן.״ האָבן אַלע געשריגן: „אָמן, אָמן, אָמן!״

נאָך די שרעקלעכע תּורה איז געווען בייַ די חסידים סכּנות נפֿשות. די גראָבע יונגען זענען שיער געשטאָרבן פֿאַר גרויס שרעק פֿון די פֿייַערדיקע סודות התּורה, און די לומדים חכמים שיער צו זעצט געוואָרן פֿאַר לאַכן, און זיי האָבן געמוזט דאָס געלעכטער אין זיך דריקן, דען ווען זיי מעכטן געלאַכט, מעכטן זיי ניט זיכער געווען מיט זייער לעבן. און די ריכטיקע חכמים האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: „עס איז וואָר דאָס אַלטע שפּריכוואָרט, ׳וואָס טויג מיר די חכמה, אַז דאָס נאַרישקייט גילט?׳״

# עפּעלאָג

ר׳ שׂימחה מיט זײַן װײַב האָבן גאַנץ גוט געלעבט און האָבן געהאַט גרויס עשירות, און די גאַנצע װעלט האָט זיך אָן זיי גענאַרט. און זיי האָבן איבערגעלאָזט קינדער ־ אויך זאָלכע זולל־וסובֿא װי זיי זענען געװעזן. און גרויסע לײַט האָבן זיך מיט זיי משדך געװעזן. און ר׳ שׂימחה און זײַן װײַב זענען געשטאָרבן בכּבֿוד גדול, און די קינדער האָבן געירשנט אַ זייער גרויסע ירושה. נאָר דאָס עשירות האָט זיך קירצלעך אויסגעלאָזט, דען זיי זענען געװױנט געװעזן צו פֿרעסן און צו זויפֿן אַזוי װי זייערע עלטערן, די הייליקע פֿרעסערס, און די קעלבער מיט די עופֿות מיט געלט מיט אַלעס גוטען װאָס די שׂרים האָבן געפֿלעגט צו שיקן, דאָס אַלץ האָט שוין אויפֿגעהערט. קיין שׂררה האָט שוין ניט געװאָלט שיקן דאָס מינדסטע. זאָ זענען זיי געבליבן בײַם בייזן האַלדז. נאָר װי לאַנג זיי האָבן געהאַט צו פֿרעסן, האָבן זיי געפֿרעסן, און דערנאָך האָבן זיי ניט געװוּסט װאָס צו טון. דען מיינסטן װערן דאָך זאָלכע לײַט אויפֿגעצויגן װי די װילדע אָקסן: צו פֿרעסן און זויפֿן און טאַנצן און שפּרינגען און לײדיק גיין און צו אַן אַלטן מאַן אַ געשרײַ געבן: הער נאָר דו! װער ביסט דו דאָס? דו מיינסט אויך דו ביסט אַ חסיד? זאָלכע זאַכן קענען זיי גוט. דאָס איז זייער געװױנהייט **(53)** און װײַטער קיין תּורה, קיין חכמה, קיין מלאכה קענען זיי דאָך ניט. און אַז זייערע פֿעטער, די רביס, שטאַרבן, שטעלן זיי איַין זייער האַלדז אויף קצבֿה און װאַנדערן אַרויס אויף די מדינה, האָבן גאַסטהויז אין אַלע חסידים־שטיבלעך, אַ מאָל גנבֿנען זיי, אַ מאָל שנאָרען זיי. װי עס איז אַ חתונה אָדער אַ סעודה, זענען זיי מקיים סעודת מצווה, װאָרום זיי זענען דאָך בנן של קדושים, און די װײַבער װערן אין דער היים פֿערשװאַרצט, און די קינדער װערן אויך אויפגעצויגן װי די חיות רעות. זאָ האָבן אונדזער ר׳ שמחהס קינדער אויך אַזוי געװאָלט פֿירן װירטשאַפֿט.

נאָר איינער פֿון זיי איז געװעזן אַ חכם און איז ניט געװעזן קיין גרויסער עם-הארץ. ער האָט אַ ביסל געקענט, און באמת זייער קלוג, און ער האָט געװוּסט אַז דאָס גאַנצע געשעפֿט מיט דעם גרויסן שם פֿון זײַן פֿאָטער װאַר אַלץ שװינדל און גנבֿ. זאָ האָט ער צוגערופֿן זײַנע ברידער און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „ליבע ברידער, פֿאָלגט מיך װאָס איך װעל אײַך זאָגן, װעט אונדז אַלע װויל זײַן: מיר לאָזן זיך לערנען אַ מלאכה. און מיר װעלן זיך ערנערן ערלעך מיט אונדזערע צען פֿינגער, ניט מיט קיין שװינדל װי אונדזער פֿאָטער האָט בעשװינדלט די גאַנצע װעלט און אויסגענאַרט געלט פֿון איטלעכן בעזונדער. בפֿרט מען זעט דאָך דאָס אונדזער פֿאָטערס פֿערמעגן איז אויסגעגאַנגען ללעג־וקלס, װי שניי אין װאַסער. דען זאָלכעס געלט קען קיין בעשטאַנד ניט האָבן װײַל עס איז ניט

ערלער, נאָר אויסגעשווינדלט. אונדזער פֿאָטער האָט זיך נעבעך ניט געקענט אַנדערש העלפֿן, ער איז נעבעך געווען געצוווּנגען דערצו. דען ווען ער האָט דאָס אָנגעהויבן צו פֿירן וואַר ער דאָך שוין אַלט, און קיין תּורה און קיין מלאכה האָט ער דאָך ניט געקענט. בפֿרט פֿון וואַנען וויסן מיר אַז דאָס גליק וועט אונדז אַזוי דינען ווי עס האָט אים געדינט. דען צו די שמיים-פּנים-גנבה מוז מען אויך האָבן גליק, און מיר זענען ניט פֿערזיכערט אויף דעם גליק וואָס אונדזער טאַטע האָט געהאַט. דען ער האָט געזאָגט תּורות וואָס עס קומט ניט איינס צום צענטן. ער האָט אויסגעמישט פּיעטרושקע מיט קוה בעבע, מיט פּוטער־מילך, און אַלע האָבן געזאָגט, עס איז זייער וויל, ווייַל דאָס מזל האָט אים געגליקט. אויף גליק איז אָבער ניט יעדער פֿערזיכערט, און ווער עס קען אַ מלאכה, דער איז אין די האָפֿנונג אַז דאָס מזל וועט אים גליקן. קען ער אויך איין עושר ווערן. און ווען ניט (**54**), זאָ איז ער על כּל פּנין פֿערזיכערט אויף זייַן שטיקל ברויט. זאָ האָבן אים די ברידער געפֿאָלגט און האָבן זיך געלערנט מלאכות: איינער איז געוואָרן אַ שנייַדער, איינער אַ שמוקלער, און האָבן זיך געפֿירט גאַנץ שיין און זענען פֿון די מלאכה איינציקווייַז געקומען צו געלט און זענען געוואָרן סוחרים און נגידים און האָבן זייער ליב געהאַט דעם ברודער וואָס ער האָט זיי די עצה געגעבן זיי זאָלן זיך לערנען מלאכות. און זיי האָבן זייערע קינדער געלאָזט גוט לערנען און האָבן מיט זיי געטאָן גוטע שידוכים. און זיי וואַרן אויך סוחרים, נאָר גוט לערנען און שרייַבן און רעכענען האָבן זיי אויך געקענט. און זיי האָבן אויסגעפֿילט זייערע וועלט בשלום מיט קינדער און קינדסקינדער און האָבן געהאַט חן בעיני אלהים ואדם.

פֿון דער מעשׂה איז צו פֿערשטיין ווי די וועלט איז פֿערבלענדט און ווער עס האָט שכל ברויך זיך ניט לאָזן צו פֿערבלענדן מיט הבֿל־הבֿלים נאָר צו זוכן דעם אמת.

## ענדע